Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען.

היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 55 | Łódź, Środa, 5 marca 1930. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך ה' אדר תר"ץ | № 55

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

יודישע קאאפעראטיווע באנק

Towarzystwo Kredytowe dla Handlu Spożywczego w Łodzi

Spółdz. z ogr. odpow.

טעל. 139-38 — 15 אלטער מארק 15 — טעל. 139-38

ערלעדיגט זעמטליכע באנק-אפעראציעס

שעורי ערב „בת־צעירים" לאדז, נאוואמיסקע 22.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20.

ברוך הבא! שמחה קוסעוויצקי איז דא! א מאל'דיגע שעה

היינט, מיטוואך, פ' תרומה, ה' אדר (דעם 5. מערץ ד.י.) פינקטליך 7 א זייגער אווענד האט איהר די מעגליכקייט צו בעוואונדערן די צויבער-שטימע פון דעם אין לאדז בעוו. און בעקאנטען אויבער-קאנטאר

היינט, נור היינט!

ה' שמחה קוסעוויצקי

וועלכער וועט היינט אויפטרעטען מיט די נייעסטע רעליגיעזע קאמפאזיציעס, וועלכע מאכען דעם צישוויער שטוינען מיט זיין הארציגע נגינה, אין בעגלייטונג פון א כאר פון 40 פערזאן אונטער דער לייטונג פון ה' י. רובין צוזאמען מיט א גרויסען סימפאנישען ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען מוזיקער ה' קאכאנאווסקי. — אט דאס האט איהר די מעגליכקייט צו בעוואונדערן נור היינט אויף דער

גראנדיעזער חנוך־הספר פייערונג. עס וועלען אויך רעדען מעניני דיומא: הרב ר' ירחמיאל וואלבראמסקי, ד. ה. זילבערשטיין.

רעד. א. ג. פרידענזאהן א. א. פרטים אין די פראגראמען. דער באלקאן איז ספעציעל רעזערווירט פאר פרויען. — בילעטען צו בעקומען א גאנצען טאג ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.

בעמ.: פרויען ווערען געבעטען צו קומען נייען ידיעות אין אייגענעם לאקאל, נארוטאוויטשא 22, פראנט, 2. שט. פון 2—6 אוו. ביים נייען וועט שפילען דער אויבענדערמאנטער ארקעסטער.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 74 יאהר אונזער ליבער פאטער, שוויגערפאטער און גרויספאטער

נ"ע יחזקאל בן יהודא ליביש ז"ל ראזענפעלד

(געוו. זייף-פאבריקאנט)

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, 1 א זייגער ביטאג, פון טרויער-הויז זאוואדזקא 20, וואגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

„RANAN" „רענן"
„JORDANA" „ירדנה"

דער נאמען בעצייכענט די מעלות פון דעם ארטיקעל. איז צוזאמענגעשטעלט פון די ערעלסטע פלאנצען. פולע 100% פעט-געהאלט. פארציגליך ביים קאכען, בראטען און פרעגלען. ווערט געברויכט צו פליישיגע און מילכיגע מאכלים. איז אונטער שטרענגער השגחה פון ווארשאווער און דאנציגער ראב נאט. כשר אף למהדרין מן המהדרין. עקסטרא אויסארבייטונג לחג הפסח. אין די פאבריק איז דא א שטענדיגער משגיח.

„OLEO" OEL- u. FETTFABRIK
Aktiengesellschaft DANZIG

DYREKCJA ŁÓDZKIEGO TOWARZYSTWA ELEKTRYCZNEGO
Spółka Akcyjna

ELEKTROWNIA ŁÓDZKA

podaje do wiadomości Pp. Odbiorców energji elektrycznej na **OGRANICZNIKI**, iż ostateczny termin uregulowania należności za **rachunki I-go kwartału (różowe),** to jest za czas od **1 marca 1930 r.** do **1 czerwca 1930 r.** upływa **dnia 10 marca r. b.**

Niewpłacenie należności w terminie wyżej wskazanym pociągnie za sobą skutki zerwania umowy zawartej na dostawę energji elektrycznej, oraz przerwę w dostawie prądu, bez uprzedniego o tem zawiadomienia.

W celu uniknięcia ścisku przy płaceniu w ostatecznym terminie, uprasza się o wcześniejsze regulowanie należności.

Przy płaceniu należy bezwzględnie przedstawić zapłacony rachunek różowy za IV kwartał 1929 roku.

אכטונג, סוחרים, וועלכע פערקויפען אויף ראטעס!

די פערוואלטונג מאכט בעקאנט, אז די פעראיינס-קאנצעלאריע פאמארסקא 15, איז טעגליך יעדען מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך פון 7—9 אווענד, און ס'ווערען ערטיילט אלע מיטגלידער פארשידענע אינפארמאציעס וועגען שווארצער ליסטע און אנדערע ענינים.

עס דיזשורירט אויך אנ'אדוואקאט, מאנטאג פון 8—9 אוו. און מיטוואך פון 7—8 און ערטיילט יורידישע הילף.

די פערוואלטונג.

בעמערקונג: אלע ראטען-סוחרים דארפען אין זייערע אייגענע אינטערעסען קומען, זיך מאסענווייז פערשרייבען אלס מיטגלידער.

דאנקזאגונג.

איך דאנק הארציג די ה"ה מוזיקער

מ. ראזענזאפט און ה' מוצמאן

מיט זייער ארקעסטער פאר די גלענצענדע מוזיק, וואס זיי האבען אויסגעפיהרט אויף מיינע קינדערס האכצייט אין פרידוואלד'ס זאל, פאלודניאווא 10. איך בעמערק, אז אלע געסט זענען געוועזען פשוט ענטציקט פון זייער הערליכער מוזיק.

מיט אכטונג

ז. פעסטענבערג

הויזווירט פון פראנציסקאנער 30.

צו דער עפענטליכקייט!

דערמיט מאך איך עפענטליך בעקאנט וועגען אנ'אונגעהערטער מסירה פון יודישען פריזיער-מייסטער-צעך, פיעטריקאווער 85, וואס די פערוואלטונג האט מיך פערמסר'ט אין פערשידענע מלוכה'שע אמטען, צוליב וואס איך האב מאטעריעל געליטען. דאס איז געטון געווארען פון די לאדזער פריזיער-מייסטער, וועלכע שטעהען אן דער שפיץ פון יודישען פריזיער-צעך, ווייל איך האב ארויסגעשטעלט א ביליגען צענניק צוליב'ן הערשענדען קריזיס. זאל די עפענטליכקייט אורטיילען די האנדלונג פון א פערוואלטונג פון גלומרשטע פערטרעטער פון די יודישע פריזיער-מייסטער.

אט דאס זענען די הערען פון דער פערוואלטונג:

1) קאלסקי הערמאן, וואלבארסקא 16
2) וויזענפעלד הערשל, בזשעזשינער 7
3) קאפלאוויטש יעקב, קילינסקי 134
4) ראטמאן ייזי, פולנאצנא 24
5) פראגא יוסף, זגערזשער 7
6) פוקס סאלאמאן, שענקעוויטשא 4
7) גרויזאם, זשעלאזנא 3.

מיט אכטונג

קופקא, פריזיער-אנשטאלט, פאלודניאווא 12

1889

ס'אָרא אומזאַץ-שטייער וועלען צאָהלען

סוחרים, פאַבריקאַנטען, האַנדווערקער, קאָמיסיאָנערען?

וואַרשאַ, 4 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים-קאָרעספּאָנדענט). ווי ס'איז שוין געווען מיטגעטיילט האָט די פינאַנץ-קאָמיסיע אָנגענומען אַ פּראָיעקט וועגען ענדערן דעם אומזאַץ שטייער לויט'ן וואונש און פאָרשלאַג פון דער רעגירונג.

די ענדערונגען שטעלען זיך פאָר אַזוי: דער פּראָיעקט זעהט פאָר, אַז דער הורט-האַנדעל, וואָס פיהרט ביכער, וועט צאָהלען דרייפערטעל פּראָצענט פון 1 אַפּריל 1930, און אַ האַלבען פּראָצענט — פון 1 אַפּריל 1931. דעטייל — אָהן אונטערשיד, צי ס'ווערען געפיהרט ביכער, צי נישט — אַנדערטהאַלבען פּראָצענט פון 1 יאַנואַר 1931 און 1 פּראָצענט פון 1 יאַנואַר 1932; האַנדווערקער פון 7 און 8 קאַטעגאָריעס — 1 פּראָצענט פון 1 יאַנואַר 1931; פאַבריקען פון 1 ביז 6 קאַטעגאָריעס — איינס מיט דרייפערטעל פּראָצענט פון 1 יאַנואַר 1932; אַנדערהאַלבען — פון 1 יאַנואַר 1933; 1 מיט אַ פערטעל — פון 1 יאַנואַר 1934 און 1 פּראָצענט ערשט פון 1935. פאַר קאָמיסיאָן-האַנדעל — נאָר 3 פּראָצענט.

די דעפּוטאַטען פאַרבשטיין, לעוואַנדאָווסקי א. א. האָבען אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע ווייטער אונטערגעשטראָכען זייערע מינדערהייטס-פאָרשלאַגען, וועלכע זיי וועלען פאָרשטעלען אויפ'ן פּלענום פון סיים.

די זעלבע קאָמיסיע האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג, אַז די פינאַנץ-מאַכט דאַרף ענטשיידען די פראַגע וועגען רעקלאַמאַציעס אין משך פון 12 חדשים, און אויב נישט בעדייט עס אַנ'אָפּזאָג.

די שטייער צאָלער האָבען דאָס רעכט צו דער-לאַנגען „אָדוואָלאַניעס" אין העכסטען טריבונאַל.

די קאָמיסיע האָט אָנגענומען אַ פאָרשלאַג צו אַנולירען די חובות פון פאָרלעגענע אומזאַץ שטייער ביז 1927, אויב די סומע פאַר יעדען יאָהר שטייגט נישט איבער 250 זל. אויך איז דער בע-שלוס חל אויף שטראָפען און פּראָצענטער.

וואַרשאַ, 4 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די ידיעה, אַז די רעגירונג האָט צו-ריקגעצויגען די שטייער-הנחות האָט אין די סוחרי-שע קרייזן אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע מהומה עס זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען ספּעציעלע זי-צונגען פון סוחרים-פאַראיינען, קליינהענדלער און האַנדווערקער.

א פערטיידיגונגס-אקציע פון די יודישע קליינהענדלער

צוליב דער דראָהענדער ווענדונג אין דער פראגע פון אומזאץ-שטייער

וואַרשאַ, 4. (י. ט. א. טעלעגראַפיש) אין שייכות מיט דער דראָהענדער ווענדונג אין דער פראַגע פון אומזאַץ-שטייער האָט זיך דער צענט-ראַלער קליינהענדלער-פאַרבאַנד געווענדעט צום יודישען „קאָלאָ" און צו דער יודישער פּרעסע וועגען צונויפרופען אַנ'עקסטרא-בעראַטונג פון די ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס וועגען אָרגאַניזי-רען אַ פערטיידיגונגס-אַקציע.

די וואך זאל פערטיג ווערען דער בעריכט פון דער ענגלישער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע

לאָנדאָן, 4 (י. ט. א. טעלעגראַפיש). די ענגלישע אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָט בעשלאָסען אָפּצוהאַלטען ספּעציעלע זיצונגען מיטוואָך און דאָנערשטאָג, אַזוי, אַז ס'איז מעגליך, אַז די היינ-טיגע וואָך נאָך זאָל פערטיג ווערען דער בעריכט און איבערגעגעבען ווערען דער רעגירונג.

פינאנץ-מיניסטער מאטושעווסקי רעדט

וועגען דעם קריזיס אין דער בּודזשעט-קאָמיסיע פון סיים

וואַרשאַ, 4 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספּאָנדענט) היינט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער בּודזשעט-קאָמיסיע ביים סענאַט. אין דער דיסקוסיע האָט גענומען אַ וואָרט דער פי-נאַנץ-מיניסטער מאַטושעווסקי, וועלכער האָט צ. א. גערעדט וועגען דעם, וואָס מ'בעקלאָגט זיך אַזוי שטאַרק אויף דער שטייער-לאַסט. ער האַלט פאַר'ן הויפּט-אומגליק דאָס, וואָס די פינאַנץ-אַפּאַראַטען פונקציאָנירען זעהר שלעכט, מחמת זיי זענען בע-זעצט דורך נישט פּאַסענדע בעאַמטע. אַזוי-אַרום — האָט ער געזאָגט — זענען מעגליך אַזעלכע קוריאָ-זען, אַז אין איין פינאַנץ-אַמט זאָל זיין דער נאַ-טשעלניק אַ געוועזענער קוימען-קעהרער, וועלכען מ'קאָן נישט אָפּזאָגען, ווייל ער איז סטאַביליזירט.

אויך איז די לאַגע בעשווערט דערמיט, וואָס איצט איז דאָ, אין פערגלייך מיט דער פאַרמלחמה-צייט, אַ דריטעל צאָהלער פון הכנסה-שטייער.

דער מיניסטער האָט אויך גערעדט וועגען דעם, אַז לויט דער רעוויזיע גיבען די לאַדזשער פירמעס נישט אָן דעם ריכטיגען אומזאַץ. אַזאַ קריזיס ווי מיר לעבען איצט איבער, איז נישט קיין נייע ערשיינונג. ער איז נישט קאַטאַסטראָ-פאַל. אַזאַ עהנליכען קריזיס האָבען מיר אַדורכגע-מאַכט אין 1925. דער חילוק איז נאָר, וואָס דאַן האָט מען די שטייערן געהעכערט, און איצט מאַכט מען הנחות...

דער פּלפּול אין דער קאָנסטיטוציע-קאָמיסיע

וואַרשאַ, 4. (טעלעפאָניש פון אונזער סיים-קאָרעספּאָנדענט). אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער קאָנסטיטוציע-קאָמיסיע איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיגע און טיילווייז שטורמישע דיסקוסיע, וועלכע כאַראַקטעריזירט אַמבעסטען די איצטיגע פּאָליטישע פערהעלטענישען אין לאַנד. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער מיינונגס-פערשידענ-הייט, צי מ'זאָל זיך ווענדען צו דער רעגירונג מיט אַ ביטע, זי זאָל נעהמען אַ שטעלונג אין די קאָנסטיטוציע-פראַגען. די אָפּאָזיציע-קלובען האָבען דורכאויס געוואָלט דורכפאָרסירען אַ פאָרשלאַג, אַז די רעגירונג זאָל אַרויסזאָגען איהר שטעלונג אין דער פראַגע. די סאַנאַציע האָט זיך שאַרף ענטגעגענגעשטעלט. דעם פאָרמעלען פאָרשלאַג האָט גע-שטעלט דעפּ. ביטנער. געגען איהם איז אַרויס-געטראָטען דעפּ. פּילסודסקי (בעבע), וועלכער האָט געזאָגט, אַז אין דעם איצטיגען אַרבייטס סטאַדיום איז נישט געוואונשען, די רעגירונג זאָל אַרויס-זאָגען איהר מיינונג.

דער קאָמיסיע-פאָרזיצער מאַקאָווסקי איז איינשטימיג מיט דעפּ. פּילסודסקי און ערקלעהרט, אַז פאָרשטעהער פון דער רעגירונג זענען שטענ-דיג אַנוועזענד אויף די זיצונגען, און זיי אינפאָר-מירען דעם פּרעמיער וועגען גאַנג פון דער דיס-קוסיע. עס ענטוויקעלט זיך אַ לעבהאַפטע דיסקוס-יע מיט'ן אָנטייל פון די דעפּ. ליבערמאַן (פּ.פּ.ס.) קאָשטשאַלקאָווסקי, ניעדזשאַלקאָווסקי און גרינבוים. דעפּ. ביטנער (כאַדע) האַלט ווייטער אונטער זיין פאָרשלאַג. ליבערמאַן ווארפט פאָר דעם פאָרזיצער, אַז ער פערדרייט די אָרדנונג פון פאַרלאַמענט-טאַקטיק.

דער פאָרזיצער רופט איהם צו אָרדנונג.

קאָשטשאַלקאָווסקי (בעבע) זאָגט, אַז מיט אַזעלכע פאָרשלאַגען קאָן קומען נאָר דער סיים און נישט קיין קאָמיסיע. נאָך דער ווייטערער דיסקו-סיע, ערקלערט מאַקאָווסקי, אַז ער זאָגט זיך ענט-גילטיג אָפּ צו שטעלען דעם פאָרשלאַג צו אָפּשטי-מונג און דערקלערט אַ הפסקה, בעת וועלכער ער האַלט אָפּ אַ קאָנפערענץ מיט'ן מאַרשאַלעק דאַשינ-סקי; נאָך דעם ערקלערט מאַקאָווסקי, אַז דאַשינסקי איז מיט איהם מסכים. די דעפּוטאַטען צווייפלען אָבער אין דעם, אַז ס'זאָל זיין דאַשינסקי'ס מיי-נונג און מאַכט ווידער אַ הפסקה. סוף כל סוף בלייבט ווי מאַקאָווסקי וויל.

די קאָמיסיע נעהמט אָבער אָן אַ קאָמפּראָמיס-פאָרשלאַג פון דעפּ. באַגינסקי, אַז די קאָמיסיע גלויבט דאָס די רעגירונג וועט אַרויסזאָגן איר מיינונג.

נאָך דעם ווערט געפיהרט אַ דיסקוסיע וועגען די קאָמפּעטענצען פון פּרעזידענט, און וועלכער עס בעטייליגען זיך די דעפּוטאַטען: פּילסודסקי, ביטנער, גרינבוים א. אַ.

וועגען דעם גאַנצען קאָנסטיטוציע-פּלפּול געהט אַרום א ווערסיע אין די קולואַרען, אַז דאָס איז געווען אַ מין שפּיצעל פון דער אָפּאָזיציע, מחמת דער פּרעמיער באַרטעל זאָל נישט מסכים זיין מיט דער סאַנאַציע אין די קאָנסטיטוציע-פראַגען, און דעריבער, כדי צו קאָמפּראָמיטירען די באַבע, האָט מען דעם ענין אַרויפגעבראַכט אויפ'ן טיש.

יודישע קאָאָפּעראַטיוועז זאלען בעקומען קרעדיטען.

לעמבערג, 4. (יט"א טעלעגראַפיש) אַ דאַנק אַנ'אינטערווענץ פון דירעקטאָר פון רעוויזיאָנס-פערבאַנד פון די יודישע קאָאָפּעראַטיווען ד"ר ראָזמאַרין, האָט דער פּרעזעס פון „באַנק גאָס-פּאָדאַרסטווא קראַיאָוועגאָ" פעראָרדענט, אַז די יודישע קאָאָפּעראַטיווען זאָלען בעקומען קרעדי-טען אין „באַנק גאָספּאָדאַרסטווא קראַיאָוועגאָ".

Dr. med.

Edward Reicher

הויט- און וועגערישע קראַנקהייטען

28 פּאָלודניאָווע 28

נעמט אָן פון 8–10 פרי און פון 12–2 נאָכמ.
און פון 7–8^{30} אָוו. זונטאָג פון 9–2 נאָכמ.

אויפפאָדערונג

איך פאָדער אויף ר' שלמה שוואַרצפעלץ אַז ער זאָל מיט מיר געהען צו אַ דין-תורה אויף דער תביעה, וואָס ער האָט צו מיר, צום גערער רבי שליט"א, אָדער אַלעקסאַנדערער שליט"א, אָדער פּיעטריקאָווער ב"ר. אַז ער וועט נישט געהן צו דער ד"ת, וועל איך נישט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די קאָנסעקווענצען וואָס וועלען פאָרקומען, ביי די אויבענדערמאָנטע רביים וועט נישט פאָרקומען אַזעלכע מיסברויכען ווי ער האָט געמאַכט ב' יתרו ביים דין-תורה פון ברזעזינער ב"ד ודל.

יהודא קראַנגראַד, ברזעזין.

Dr. Różaner

ספּעציאַליסט פאַר

הויט, וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוועכע

Dzielna (Narutowicza) 9 tel. 128-98

צוריקגעקעהרט

נעמט אָן פון 8–10 פריה און פון 5–8 אָוועגד.

וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

עלטערן!

אין מען נאָכמיטאָג הדר-שולע הערען אָנגענומען

קינדער, וואָס לערנען אין פּאָווזשעכנע שולען צו לערנען: חומש, רש"י, תנ"ך, משניות, גמרא, חומ-פאָריע, רעדען און שרייבען העברעאיש און יודישע בריוו און זעלבסט צונויפשטעלען. ס'הערען אויך אָנגע-נומען אָנפאַנגער חוץ ס'הערט אינפערלויף פון 5 חדשים אויסגעלערנט גרינדליך דאַווענען. אַ שטרענג-רעליגיעזע ערציהונג! צוגענגליכע פּרייזען.

איינשרייבען טעגליך 4 ביז 7 אָווענד.

יחיאל דוד ראָזענפעלד

פּלאַץ וואָלנאָשטשי (נייע שטאָט) 6

קוטער אָפיצינע, רעבעם, 2. שט.

בעקאַנטמאַכונג.

זונטאָג, דעם 16-טען מערץ ד. י. 4 אַ זייגער נאָכמ. צום ערשטען טערמין, און 6 אַ זייגער אָוועגד צום צווייטען טערמין, גילטיג ביי יעדער צאָהל מיטגלידער, קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל די

יעהרליכע גענעראל-פערזאמלונג

פון „אהבת תורה", וואָלבאָרסקאַ 20

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג און וואַהלען פון אַ פאָרזיצענ-דען; 2) טעטיגקייטס-בעריכט; 3) בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1930; 4) וואַהלען פון אַ פערוואַלטונג און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע; 5) פרייע פאָרשלאַגען.

אַלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער ווערען געבעטען פּינקטליך און צאָהלרייך צו ערשיינען. די פערוואַלטונג.

8=ווינג, בעקער=מייסטער!

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאָהנטער מצה=אַקציע ווערען גערו-פען אַלע מיטגלידער און נישט מיטגלידער צו קומען היינט, מיטוואָך, דעם 5 מערץ, 6 אָוועגד אין אייגענעם לאָקאַל, ווסכאָדניאַ 57 אויף

א גרויסע פערזאמלונג

צו וועלכע אַלע בעקער=מייסטער דאַרפען אין אייגענעם אינטערעס אונבעדינגט קומען. אין געגענפאַל וועלען זיי נישט קענען קריגען אַנ'ער-לויבניש צו באַקען מצות. ס'וועט אויך אָבגעגעבען ווערען אַ בע-ריכט וועגען די קאָנטראָלעס אין די בעקערייען.

צעך-עלטסטער מ. פּאָזנאַנסקי.

דאַנקזאַגונג

דערמיט דאַנק איך דעם קעלנער

ה' הערשל בראַנד, גדאַנסקאַ 22

וועלכער האָט אויף דער שמחה פון מיינע קינדער'ס ה' כציית בעדינט איבער 300 פּערזאָן און אַלע געסט העכליך צופרידענ-געשטעלט. איך עמפּפעהל איהם אויף שמחות אַלס בראַווען און טיכטיגען קעלנער. מיט אַכטונג ז. פּעסטענבערג

פראַנציסקאַנער 30

זאָשא פּעסטענבערג
זיגמונט הענדעלעס
האָבען חתונה געהאַט.

לאָדז, אין מערץ 1930

צו דער האָכציים פון אונזער ליבע און טייערע טאָכטער

זאָשא

מיט ה' זיגמונט הענדעלעס

ווינשען מיר זיי פון טיפסטען האַרצען אַ האַרציגען מזל-טוב און אַנ'עוויג גליקליך צוזאַמענלעבען.

עלטערן פּעסטענבערג.

פּיטלינגעז

פון דער לאַנגיעהריגער בעריהמטער מאַרקע

Nordia Hawe

צום פּרייז 3 זלאָטיס אַ קעסטעל, 14 שטיק

שטיינפעלד, זאַוואַדזקאַ 20, טעל. 23-186

און ביי ראַטקינסקי, קאַשטשעלנאַ 5.

לאדז
5 מערץ 1930

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז
5 מערץ 1930

קאזאצקער יושר
פון דעם „געוועזענעם" סט. גראבסקי

—=:8:=—

סטאניסלאוו גראבסקי, דער בעריהמטער „ברודער", וועלכענס אנדענק עס ליגט אונז עד היום נאך גוט אין די ביינער, אט דערזעלבער סטאניסלאוו גראבסקי, וואס מיר געדענקען זיין „אוגאדא" מיט אונז, האט איצט ארויסגעלאזט א ביכעל א. נ. „די נאציאנאלע מלוכה". אין דעם דאזיגען חיבור זיינעם פראקלאמירט ער דעם פרינציפ, אז פוילען, וואס איז קודם כל א לאנד פון פאליאקען, דארף נישט נעהמען אין באטראכט אזעלכע זאכען, ווי גלייכבערעכטיגונג. ביי די נאציאנאלע מינדערהייטען, מיינט ער, דארף דער מין גלייכבערעכטיגונג אפגענומען ווערען, און ארויסגעהענדיג פון דעם דאזיגען „גערעכטען" שטאנדפונקט מאכט דער באקאנטער „אוגאדאוויעץ" די געהעריגע אויספיהרונגען, וואס זענען אזוי צייטמעסיג, אקטועל און קלוג, ווי א פאר-הונדערט-יאהריגער לוח...

ראשית חכמה, דארף, לויט זיין קאנסטיטוציע דער סענאט, אלס אויבער-הויז, געוועהלט ווערען נאר דורך פאליאקען. אויף דעמזעלבען אופן, בלויז דורך פאליאקען, דארף געוועהלט צו ווערען דער מלוכה-פרעזידענט.

אמת, אין בעצוג צו די סיים-וואהלען איז ער „ליבעראלער", נאר אך און וועה צו אזא ליבעראליסקייט. לויט זיין שיטה בעטייל גען זיך אין די וואהלען אויך די נאציאנאלע מינדערהייטען, אבער זייער אנטייל איז א פראפארציאנעל-קלענערער. אזוי, מיינט ער צום ביישפיל, ווען עס זיין א יו-שר, אז אין די קרייזען, וואו די נאציאנאלע מינדערהייטען זענען אין א מאיאריטעט — מוז אויף יעדער נישט-פוילישען מאנדאט זיין איין פוילישער.

וואס שייך די שטאטישע זעלבסט-פערוואלטונגען, פערגעסט גראבסקי אין זיי אויך נישט, און ער לייגט פאר:

„אין די שטעט, אין וועלכע א העלפט אדער דער רוב פון דער בעפעלקערונג, פעררעכענט זיך צו דער נישט-פוילישער נאציאנאליטעט, קומען די וואהלען צו די שטאט-ראטען פאר אין צוויי קרייזען: אין דעם פוילישען און דעם נישט-פוילישען, דערביי וועהלט דער פוילישער קרייז שטענדיג דריי-פערטעל, און דער נישט-פוילישער א פערטעל ראטמענער".

אט אזוי און בזה האופן וויל דער געוועזענער בילדונגס- און קולטוס-מיניסטער, דער צווייטער ברודער'ל גראבסקי מתקן זיין, אלס נאציאנאלער פאליאק, די שווערע לאגע פון לאנד, און ער פערגעסט זיך בעת מעשה, אדער ער רעכענט זיך נישט לחלוטין נישט מיט דער צייט, נישט מיט די אומשטענדען, נישט מיט דעם „למה יאמרו הגוים", מיט דעם וואס אויסלאנד קאן דערצו זאגען, און נישט מיט דעם, צו וואט פאר א בעזולטאט עס קאן ברענגען אינעווייניג, ווען אזא שטיינערדיגער געדאנק וועט אריינגעווארפען אין דעם אזוי אויך גאנץ חרוב'ען גארטען פון אונזער נאציאנאליטעטען-פאליטיק.

מהאי טעמא זענען טאקי אינטערעסאנט די בעמערקונגען פון דעם פ.פ.ס'אוויעץ קאזשימיעזש טשאפינסקי, וועלכע ער מאכט אויפ'ן ראנד פון גראבסקי'ס פלענער. ער נעהמט אלס ביישפיל טשעכאסלאוואקיען, און ווייזט אן, אז דארטען, וואו אין דער הינזיכט פון נאציאנאלע מינדערהייטען איז די לאגע א נאך קאמפליצירטערע, ווי אין פוילען — בעטייליגען זיי זיך, למשל, דייטשען, אין דער רעגירונג. לויט דער טשעכאסלאוואקישער קאנסטיטוציע ווערען פראפארציאנעל פערטיילט די שול-פאנדען, און א ספעציעלער ליבעראלער געזעץ פון יאהר 1920 רעגולירט די שפראכען-פערהעלטנישען.

ווייטער ווייזט אן טשאפינסקי, אז דאס קליינע דעמאקראטישע עסטלאנד האט אין יאהר 1925 ארויסגעגעבען א ספעציעלען אויטאנאמיע-געזעץ. דארטען ווערען די שול-פערהעלטנישען פון די נאציאנאלע מינדערהייטען, וואס צעהלען בסך הכל דריי טויזנד מאן, רעגולירט אויפ'ן יסוד פון א נאציאנאלען קאטאסטער, פון אן אייגענעם שול-שטייער, און זיי, די נאצ. מינדערהייטען גופא פיהרען אן מיט זייערע שולען.

סיי טשעכיען, סיי עסטלאנד פערלירט גאר-נישט דערביי.

אונזער היימישער גראבסקי האט אבער חשק

פון צבתו מיליאן מענשען אין פוילען שאפע

צווייטע קאטאגאריע בירגער, און אפשאפען די שוין-עקזיסט רענדע גאראנטיעס פאר די מינדערהייטען. (משטיינסגעזאגט!)

משמעות די גראבסקי'ס אין פוילען און זייערע געטרייע אונטערטאנען האבען בעקומען א גרויסע בענקשאפט נאך די צארישע צייטען, ווען א פאליאק האט אויך געמעגט זיין א „נאדזיראטעל אין אנ'אוטשאסטאק", און דער פוילישער כבוד האט געבלוטיגט אויף די גאסען צוזאמען מיט דעם יודישען בלוט...

דער ענדעקישער עולם קאן נאך אלץ נישט פערגעסען אין די פיש, וואס זיי האבען געגעסען אין מצרים, כל זמן אין זייערע קעפ ראיען זיך נאך אזעלכע דראקאנישע מחשבות, און זייערע מיילער פראפאגירען דורך גראבסקי'ן אזא קאזאצ-

זאקען יושר!

מן.

מ'דארף נישט אריינציהען קיין פאליטישע מאמענטען
דזשעמס ראזענבערג וועגען דער טעטיגקייט פון „אגראדזשאינט" אין ראטען-פערבאנד

ניו-יארק, (י.ט.א.) איינער פון די פיהרער פון דער „אמעריקאנישער געזעלשאפט פאר יודישער ערד-קאלאניזאציע אין רוסלאנד," ה' דזשעמס ראזענבערג האט פערעפענטליכט אין די צייטונגען א מיטטיילונג, אין וועלכער ער פראטעסטירט געגען די פרובען אריינציהען דאס פראבלעם פון יודישער ווירטשאפטס-טעטיגקייט אין רוסלאנד אין פאליטישע דיסקוסיעס ווי אויך געגען דעם פערבינדען דאס דאזיגע פראבלעם מיט די רדיפות געגען רעליגיע אין סאוויעט-רוסלאנד.

די פראגע פון פערפאלגען די רעליגיע אין רוסלאנד — ערקלערט ה' ראזענבערג — איז נישט קיין ספעציעל יודישע פראגע, זי בעריהרט אין א גלייכער מאס קריסטען, מוזולמענער און יודען. ווי זעהר מיר זאלען זיך נישט קלאגען אויף דער אנטי-רעליגיעזער פאליטיק פון דער סאוויעטען-מאכט, טארען מיר דאך נישט פערגעסען וועגען דעם, אז אין סאוויעט-רוסלאנד לעבען 3 מיליאן יודען, וועלכע מוזען אריינגעצויגען ווערען אין דער פראדוקציע אין איינקלאנג מיט'ן רוסישען געזעץ און סיסטעם, כדי זייערע ווירטשאפטליכע און בירגערליכע פאזיציע זאל זיין געזיכערט.

דער „אגראדזשאינט" — ערקלערט ווייטער ה' ראזענבערג — האט בעקומען וועגדונגען פון טויזענדער יודישע פאמיליעס וועגען הילף ביים איבערגעהן צו לאנדווירטשאפט אין די געביטען פון דער יודישער קאלאניזאציע. דער „אגראדזשאינט" האט פון יאהר 1924 ביז איצט אויסגעגעבען 8 מיליאן דאלאר אויף קאלאניזירען יודען אין רוסלאנד און האט אויף אזא אופן פערגרעסערט די יודישע פויערים בעפעלקערונג אין רוסלאנד פון 25 טויזענד פון יאהר 1924 אויף 50.000 אין יאהר 1929. אין דעם לויפענדען יאהר ווערט געפלאנט צו קאלאניזירען נאך 4500 יודישע פאמיליעס. אין צוזאמענהאנג דערמיט, האט שוין דער „אגראדזשאינט" בעקומען פיל בקשות פון יודישע פאמיליעס.

די קאלעקטיוויזאציע פון דער לאנדווירטשאפט אין רוסלאנד האט געשטעלט פאר די יודישע קאלאניסטען א נייעם פראבלעם. נישט קוקענדיג דערויף, מוז ווייטער געפיהרט ווערען די טעטיגקייט פון „אגראדזשאינט" אין די ראהמען פון דער אלגעמיינער רעגירונגס-פאליטיק. ווען די דאזיגע פאליטיק האבען אנ'ערפאלג, וועלען דערפון געניסען אויך די יודישע קאלאניסטען, ווען זי ליידען א דורכפאל וועלען די יודישע קאלאניסטען זיין אין נישט קיין ערגערער לאגע, ווי די איבעריגע לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג אין סאוויעט-רוסלאנד.

די רוסישע רעגירונג — האט פערענדיגט זיין ערקלערונג ה' ראזענבערג — האט אונטערגעשטיצט די קאלאניזאטארישע ארבייט פון „אגראדזשאינט" דורך אויסטיילען גרויסע ערד-חלקים, בעשטימענדיג אויף דעם צוועק גרעסערע סומען אין דער פארם פאר קרעדיטען פון „אגראדזשאינט" אויף פראדוקטיוויזירען די יודישע בעפעלקערונג אין סאוויעט-רוסלאנד.

5 יודען אין ליטע ווערען בעשולדיגט
אז זיי האבען ערמארדעט א קריסט א וועטערינאר

קאוונא, (י.ט.א.) אין שטעטעל שיימעל, שאוולער קרייז, איז געפונען געווארען אין א ברונעם דער טויטער קערפער פון וועטערינאר אוישנים. עס האט זיך גלייך פערשפרייט א קלאנג, אז די יודישע קצבים האבען ערמארדעט דעם וועטערינאר. געוואוסט האט מען, אז אווישנים איז אין די קריטישע נאכט געגאנגען צום שלאכט-הויז.

5 יודישע קצבים משה לעקוסאנעק, מאנא-אב הם פליישמאן, אברהם שניידער און מ. לעק סאנעק זענען ארעסטירט געווארען אלס בעשולדיגטע אין מארד, נישט קוקענדיג דערויף, וואס די ארעסטירטע, וועלכע זענען בעקאנט אלס פרומע, רוהיגע און געשעפטליך סאלידע בירגער טענה'ן, אז זיי טראגען נישט קיין שום שולד פאר'ן טויט פון אוו שענים.

די בעשולדיגטע ווייזען אויך אן, אז עס איז גאנץ מעגליך, דאס דער וועטערינאר איז, געהעריג ביינאכט, צוליב דער פינסטערניש אריינגעפאלען אין דער זעהר נידריגען ברונעם אין שיימעל. אין דער גאנצער אומגעגענד ווערט איצט אין צוזאמענהאנג דערמיט געפיהרט א ווילדע העצע געגען די יודען און מען דראהט די יודישע איינוואוינער מיט עקסצעסען.

די ארעסטירטע זענען שווער געפייניגט געווארען, כדי זיי זאלען זיך מודה זיין אין אויספיהרען דעם מארד. די גאנצע יודישע בעפעלקערונג לעבט אין שרעק צוליב דער אנטי-יודישער העצע, וואס ווערט דא געטריבען.

דער רומענישער „אזעור"
שעף פון רומענישער אכראנע און זיין רוסישע געליבטע

דער טעלעגראף האט דא נישט לאנג געבראכט א קורצע ידיעה, אז אין בוקארעשט איז ארעסטירט געווארען דער שעף פון בוקארעשטער אכראנע, ווייל מען האט געכאפט ביי שפיאנאזש-ארבייט לטובת די סאוויעטען.

איצט דערציילען די רומענישע צייטונגען אלע פרטים וועגען דער דאזיגער העכסט-שפאנענדער פאליטישער סענסאציע.

דער שעף פון דער רומענישער אכראנע טיבאקו, איז אין בוקארעשט א באקאנטע פערזענליכקייט. הויפטזעכליך צווישען די ארטיגע זשורנאליסטען. א סך יאהרען נאכאנאנד פלעגט טיבאקו מאכען אפטע נאכט-וויזיטען אין די ארטיגע רעדאקציעס און פלעגט צוזאמען מיט זיין שעהנע רוסישע געליבטע, צענזור-רען די שפאלטעס זאך פאר'ן דרוקען די צייטונגען.

טיבאקו האט געלעבט זעהר ברייט און אלעמענס איינדרוק איז געווען אזא, אז ער איז א פערמעגליכער מענש, וועלכער דינט אין דער אכראנע בלויז אלס אמאטאר, פון פערגעניגען בלויז.

יאהרען לאנג איז גאר קיינעם אין קאפ נישט איינגעפאלען, אז דער גוטמוטיגער טיבאקו מיט זיין תמ'צוואכער מינע, וועלכער פלעגט דרוקען וויסענשאפטליכע ארטיקלען וועגען מאראקא און אביסיניען, פיהרט שוין זינט 10 יאהר א ברייטע שפיאנאזש-טעטיגקייט לטובת די סאוויעטען.

טיבאקוס געליבטע, א רוסישע דאמע פון קישיניעוו, איז א צייט לאנג געשטאנען אין געהיימע פערבינדונגען מיט'ן געהיימען סאוויעטישען קוריער קאראמאנאוו — א געוועזענער צארישער אפיציר, וועלכער האט אנגעפיהרט מיט דער גאנצער קאנטר-שפיאנאזש ארבייט לטובת די סאוויעטען אין רומעניען.

10 יאהר צייט, איז טיבאקו געשטאנען אין דירעקטער פערבינדונג מיט דער סאוויעטישער אויסשפירונגס-אגענטור און פלעגט בעקומען א שטענדיגען געהאלט פון הפשע טויזענטער דאלארען א יאהר. פאר דער דאזיגער צייט האט טיבאקו אלץ פערנומען פערשידענע מלוכה-אמטען. פאר זיין טרייען דינסט האט טיבאקו בעקומען דעם אמט אלס שעף פון דער בוקארעשטער אכראנע. אונטער זיין אויפזיכט האט זיך אויך געפונען די פאספארטען-אפטיילונג. דאס האט איהם א סך פערלייכטערט די ארבייט פון צושטעלען פאלשע רומענישע פעסער סאוויעטישע געהיים אגענטען.

מיט א פאר וואכען צוריק, בעת דער געהיימער סאוויעטישער קוריער קאראמאנאוו האט זיך געפונען ביי דער רומעניש-סאוויעטישער גרעניץ און האט זיך געקליבען אריבערצושיפען מיט א שיפל אויפ'ן סאוויעטישען ברעג, איז ער פלוצלונג פערהאלטען געווארען דורך דער רומענישער גרעניץ-וואך.

ביי קאראמאנאוו'ן האט מען געפונען א גרעסערע סומע געלד און א פעקעל קאפיעס פון געהיימע מלוכה-דאקומענטען. ער האט פון דער ערשטער מינוט אן נישט געלייקענט, אז ער איז א סאוויעטישער אגענט, ער האט אפענהערציג דערקלעהרט, אז אלס רוסישער אפיציר, האט ער געפילט פאר זיין חוב צו בעדינען זיין פאטערלאנד הגם א סאוויעטיש-רויטע.

אויפ'ן ערשטען פערהער האט קאראמאנאוו, דערצעהלט, אז ער שטעהט אין שליחות פון דעם אכראנע-שעף טיבאקו, וועלכער רעכענט זיך אלט איינער פון די טיכטיגסטע אינפארמאטארען פון דער רויטער קאנטר-אויסשפירונג אין רומעניע.

ביי דער קאנפראנטאציע מיט'ן ארעסטירטען האט דער רומענישער אכראנע-שעף טיבאקו אלץ אבגעלייקענט. ער האט דערצעהלט, אז קאראמאנאוו טראגט א כעס אויף איהם, צוליב דער רוסישער געליבטער און דעריבער האט ער אויף איהם אויסגעטראכט אזא שווערען בלבול.

קאראמאנאוו האט דאן, גאנץ קאלטבלוטיג דערצעהלט אזעלכע פרטים וועגען טיבאקוס שפיאנאזש-טעטיגקייט, אזוי, אז קיינער האט שוין מעהר נישט געצווייפעלט אין דער ריכטיגקייט פון זיין דערציילונג, ס'האט זיך אויך נעלייגט אויפ'ן שכל מחמת טיבאקו האט געהאט א צוטריט צו די סאמע געהיימסטע מלוכה-ארכיוען און דאקומענטען. ביי דער צווייטער קאנפראנטאציע האט טיבאקו זיך אין אלץ מודה געווען.

דעם זעלבען אווענד, האט דער נייער אכראנא-קאמיסאר בעזוכט דעם ארעסטירטען טיבאקו אין זיין תפיסה-קאמער און נאך א קורצען שמועס האט ער איבערגעלאזען ביי איהם אויפ'ן טישעל א רעוואלווער, א בויגעלע פאפיר און א בלייסטיפט.

טיבאקו האט אבער אפגעזוכט פון דעם געמאכטען פארשלאג, ער זאל אליין בעגיין זעלבסט-מארד. ער האט אפען דערקלערט, אז אין דאזיגען שפיאנאזש-סקאנדאל זענען פערמישט אזעלכע הויכגעשטעלטע פערזאנען אזוי, אז מען וועט מוזען פערדרייבען די גאנצע געשיכטע מיט דער הילף פון צענזור.

א פאר טעג שפעטער, זענען ארעסטירט געווארען 10 העכערע מלוכה-בעאמטע פון רומענישען אויסערן-מיניסטעריום. עס איז אויך פעסטגעשטעלט געווארען, אז פאר דער לעצטער צייט האט מען אויף דער סאוויעטישער זייט דערשאסען מעהר ווי 40 רומענישע געהיים-אגענטען וועמען טיבאקו האט ארויסגעגעבען די סאוויעטען.

איצט זוכט מען טיבאקוס שותפים אין די מיליטער-שטאבען, מחמת עס פעהלען א סך וויכטיגע געהיימע מיליטער-דאקומענטען. ס'איז בכלל שווער פעסטצושטעלען, וואס דער שעף פון דער רומענישער אכראנע טיבאקו האט אפגעטון אין פערלויף פון די פערגאנגענע 10 יאהר.

דערוויל פליהען פון זייערע אמטען די העכערע בעאמטע פון דער רומענישער אכראנע. מען האט בעזייטיגט פון אמט דעם אינספעקטאר פון דער רומענישער אכראנע גוסארעסקו, וועלכער האט זיך גערעכנט אלס אינטימער פריינד פון ארעסטירטען טיבאקו.

וואס ווייטער ענטדעקט זיך אלס מעהר דאס גרויליהאפטע בילד אין דער געשיכטע פון דער רומענישער אכראנע. הונדערטער אומשולדיגע מענשען זענען אומגעקומען אין די קעלערן פון דער בוקארעשטער און קישינעווער סיגוראנצא (אכראנע), בלויז דערפאר, וואס דער פראוואקאטאר און שפיאן טיבאקו האט בעדארפט, צוליב בעקוועמליכקייט פטור ווערען פון זיי.

ביי די ווייטערדיגע אויספארשונגען, האט

(קייטער זעה 7־טע זייט).

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

5 מיטוואך — ה' אדר תר"צ

מערץ
זון-אויפגאנג 6.21
זון-אונטערגאנג 5.17

שטיצע פון בירגער-קאמיטעט

(—) דער בירגער-קאמיטעט פאר די ארימסטע טיילט מיט, אז דאס אויסצאהלען די אונטערשטיצונגען האט זיך שוין אנגעהויבען:

דאנערשטאג, דעם 6. מערץ —
K

שבת, דעם 8. מערץ —
L Ł M N

מאנטאג, דעם 10. מערץ —
O P R

מיטוואך, דעם 12. מערץ —
S

פרייטאג, דעם 14. מערץ —
T U W Z

די אויסצאהלונגען קומען פאר אין העלענאוו און אין סטאלאראוס פאבריק.

פאבאר פון יאהרגאנג 1909

(2) ווי מיר דערוויסען זיך, זאל די טעג פערעפענטליכט ווערען א פעראָרדנונג, וועגען פאבאר פון די געבוירענע אין 1909 י. דער פאבאר זאל זיך אנהויבען דעם 2 מאי און וועט דויערן ביז ענדע יוני. צום פאבאר וועלען אויך גערופען ווערען פערזאנען פון די עלטערע יאהרגענג, וועלכע האבען געהאט אדראטשעניעס. די פראצעדור פון פאבאר וועט זיין די זעלבע ווי אין די פריהערדיגע יאהדען.

מיליטערישע בעשטעלונגען פאר לאדזער האנדווערקער

(וו) דער סעקרעטאר פון דער לאדזער האנדווערקער-קאמער ה' פיקארסקי האט אינטערוועניערט אין קריגס-מיניסטעריום וועגען מיליטערישע ארבייט פאר די לאדזער האנדווערקער. ה' פיקארסקין האט אויפגענומען דער וויצע-מיניסטער ה' קאנאזשעווסקי און דער שעף פון דער אינטענדאטור.

וויצע-מיניסטער קאנאזשעווסקי האט צוגעזאגט צו פעראָרדנען, אז ביים ארויסגעבען מיליטערישע בעשטעלונגען זאל מען אין דער ערשטער רייהע בעריקזיכטיגען ארטיגע האנדווערקער.

פערבאטען דעם „דעקלאמאטאר“

(2) די דירעקציע פון דער הויפט-פאסט אין לאדז האט בעקומען א מיטטיילונג, אז דער „דעקלאמאטאר“ וואס ערשיינט אין כארקאוו אויף יודיש איז פערבאטען געווארען צו פערשפרייטען אין פוילען.

וויכטיג פאר אימפארטערען

(2) די סוחרים פעראיינען אין לאדז זענען מודיע, אז די אימפארטערען, וואס ווילען אריינברענגען רעגלאמענטירטע ארטיקלען דארפען אפגעבען וועגען דעם זייערע ביטעס אויפ'ן צווייטען קווארטאל ביז'ן 15 מערץ. ביטעס וועלכע וועלען אנקומען נאך דעם אנגעוויזענעם טערמין, וועלען אפגעלעגט ווערען ביז צום גייעם קווארטאל.

ביי די איינשפאן-בעזיצער

אונטער'ן פארזיץ פון ה' מ. צוקער איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון איינשפאן-בעזיצער, מיטגלידער פון אגראדאווא 9, אויף וועלכער עס איז ברייט ארומגערעדט געווארען די פראגע שטייערן און „פאסטאיען“. נאך א דיסקוסיע איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, וועלכע דריקט אויס א דאנק און אנערקענונג דער בונדישער פראקציע פאר איהר טעטיגקייט לטובת די ארימע איינשפאן-בעזיצער. באלד נאך דער פערזאמלונג האבען זיך פערשריבען פרישע 19 מיטגלידער.

פון דער קראנקען-קאסע

די דענטיסטען-לעטשניצע פון דער קראנקען-קאסע אויף מילשא גאס איז איצט רעארגאניזירט געווארען אויף א דענטיסטישען קאבינעט מיט פיל ברייטערע אויפגאבען: די פערזיכערטע וועלען איצט זיך קענען נישט נאר היילען און פלאמבירען די ציהן, נאר אויך אריינשטעלען קינסטליכע

[illegible]

וויצע-פרעזידענט וויעלינסקי פער'משפט

אויף 2 חדשים טורמע פאר בעליידיגען דעם דירעקטאר גארטשינסקי

(2) נעכטען איז פארגעקומען דער פראצעס פון לאדזער וויצע-פרעזידענט וויעלינסקי, וועלכער איז אנגעקלאגט געווארען דורך דעם געוו. דירעקטאר פון דעם פוילישען שטאטישען טעאטער ה' גארטשינסקי דערפאר, וואס אויף א זיצונג פון שטאט-ראט דעם 28 נאוועמבער פ. י. האט זיך דער וויצע-פרעזידענט אין זיין רעדע אויסגעדריקט אז „גארטשינסקי איז א מענש, וועלכער האט געהאט די העזה צו קומען צו אונז מיט א פאלשען באלאנס, כדי צו אויסגענארען (נעבראמש) געלד ביי דער שטאט“.

מחמת דעם, וואס גארטשינסקיס אדוואקאט האט צוגעשטעלט אן אויסצוג פון דעם סטענאגראפישען בעריכט פון דער דערמאהנטער זיצונג, אין וועלכען עס פיגורירט טאקי דער דאזיגער זאץ, האט דאס געריכט בעשלאסען נישט צו פערהערען די עדות: פרעזידענט זשעמיענצקי, וויצע-פרעזידענט ראפאלסקי און א רייהע אנדערע. דערפאר אבער זענען פערהערט געווארען די עדות: ראטמאן אדוו. פיכנא (פערשטעהט זיך, געגען וויעלינסקי'ן) וויצע-פרעזעס פון שטאט-ראט, דיר. וואלטשינסקי, ראטמאן דעפ. וואשקעוויטש, דער זשורנאליסט ראוויטש, אדוו. וויצמאן, לאוויניק סמאליק, פרעזעס פון ארטיסטען-פערבאנד אין ווארשא, פאוולאווסקי, סעקרעטאר פון שטאטישען טעאטער טימאווסקי, פרעזעס פון לאדזער ארטיסטען פעראיין ה' זניטש א. א. בסך הכל 38 עדות.

נאכ'ן אויסהערען די אדוואקאטען פון ביידע צדדים (דער פראצעס האט געדויערט 10 שעה) האט דאס געריכט אנערקענט דעם וויצע-פרעזידענט וויעלינסקי פאר שולדיג אין פראווען רכילות און פערמשפט איהם אויף 2 חדשים טורמע. דער דאזיגער אורטייל איז ווי בכלל דער פראצעס איז אן אמת'ע סענסאציע פאר'ן קולטורעלען לאדז.

פון דהאנדעלס-געריכט

באנקראטען און געריכטס-אויפזיכטען

אויף דער דינסטאג'דיגער סעסיע פון האנדעלס-געריכט איז ערקלערט געווארען פאר באנקראט ליב סרעבנאגורא און בערעק לעשטש און האבען פון א געשעפט „ספארט“ גראטאוויטש 18 סרעבנאגורא און לעשטש זענען שולדיג בערעק האמערמעש און צידקאוויטש'ן פאר 5 פראטעסטירטע וועקסלען 2.500 זל.

דער טערמין פון באנקראט איז פעסטגעשטעלט געווארען אויפ'ן 29 דעצעמבער 1929 י. אלס ריכטער קאמיסאר איז בעשטימט געווארען האנדעלס-ריכטער קעניג, קוראטאר אדוו. מ. ראזענטאל. די באנקראטירטע זענען אפגעגעבען געווארען אונטער פאליציי-אויפזיכט.

*

אויף דער זעלבער סעסיע איז ערקלערט געווארען פאר באנקראט הענעך קליינפלאץ, מאנופאקטור געשעפט ציגעל-גאס 37. קליינפלאץ איז שולדיג יעקב שעראקאווסקין 30,000 זל. אויף וועקסלען און 10 טויזענד זל. אן אפענעם חוב. אלע וועקסלען וואס זענען פעליג געווען אין פעברואר האט קליינפלאץ געלאזט פראטעסטירען. דאס געריכט האט בעשטימט דער טערמין פון באנקראט אויפ'ן 28 פעברואר. אלס ריכטער קאמיסאר איז בעשטימט געווארען האנדעלס-ריכטער עמיל האדריאן, קוראטאר אדוו. מאהל. קליינפלאץ איז אפגעגעבען געווארען אונטער פאליציי אויפזיכט.

*

ווי מיר האבען מיטגעטיילט האט דאס אפעלאציע-געריכט אין ווארשא פערלענגערט די צאהלונגען אויף 3 חדשים משה'ן און מלכה ווראבלעווסקי (צוקערלעך געשעפט, נאוואמיעסקא 21) אויף דער לעצטער סעסיע האט דאס האנדעלס-געריכט בעשטימט אלס קאמיסאר ריכטער דעם האנדעלס-ריכטער גלוגלע און אלס געריכטס-אויפזעהער — דעם סוחר איז. ווינשטיין וואלטשאנסקא 62.

*

אברהם מענדעל מארגענשטערן האט זיך געווענדעט אין האנדעלס געריכט וועגען פראלאנגירען איהם זייער צאהלונגען דאס געשעפט עקזיסטירט אויף פיעטרקאווער 35 זייט 1889 י. די פירמע האט א דורכגעמאכט די שווערסטע קריזיסען. איצט פערמאגט זי א האלבען מיליאן זל. צווישען דעם סחורה פאר 325,000 זל. שולדיג איז די פירמע 320,000 זל. און רעכענט אינ'ם איצטיגען כעזאן צו פערקויפען די סחורה און צו בעפרידיגען די קרעדיטארען.

געקושט צום לעצטען מאל

און אפגעביסען א שטיק נאז

(2) סטאניסלאוו פרושקאווסקי און העלענא פראנק פון סטריקאוו האבען זיך ביידע געליבט זעהר שטארק, אז ווען מ'האט פרושקאווסקין אין 1926 י. גענומען צום מיליטער, האט ער נישט אויסגעהאלטען די בענקשאפט, און איז ענטלאפען. דאס מיליטערישע געריכט האט איהם פערמשפט דערפאר אויף א יאהר טורמע. בעת פרושקאווסקי האט זיך אויסבעהאלטען, האט זיין כלה העלענא איהם אפגעגעבען איהר וואוינונג. ווען ער איז אבער אוועק אפזיצען זיין שטראף, איז העלענא געווארען לאנגווייליג און זי האט זיך דערווייל בעקענט מיט אן אנדערען, פערגעסען אן פרושקאווסקין און געווארען א כלה פון איהר נייעם אראראטאר ק. ווען פרושקאווסקי איז געקומען פון מיליטער און זיך דערוואוסט, אז העלענא איז איהם אונטריי געווארען, האט עס אויסערליך אויף איהם נישט געמאכט קיין איינדרוק. ער האט זיך בעשטעלט מיט העלענאן אויף א לעצטען געזעגענונגס-שמועס און איז געקומען, פערבראכט מיט איהר א לענגערע צייט. ביים געזעגענען זיך, האט זיך פרושקאווסקי געפרובט צוקושען מיט העלענאן „צום לעצטען מאל“, און ביי דער געלעגענהייט איהר אפגעביסען א שטיק נאז.

העלענאן האט מען אפגעפיהרט אין שפיטאל וואו מ'האט זי אויסגעהיילט, אבער אויפ'ן געזיכט זענען געבליבען סמנים. פרושקאווסקי איז צוגעצויגען געווארען צו פעראנטווארטליכקייט און נעכטען איז זיין פראצעס פארגעקומען אין היגען קרייז-געריכט.

ער איז פערמשפט אויף 1 יאהר אויסבעסערונגס הויז.

פאטער דערמארדעט זיין שטיף-זוהן

(וו) אין דארף קוזשניצא הינטער וויעלון האבען זיך אויף א חתונה געווייזט דער 18-יעהריגער יוזעף פשידאטש מיט זיין מוטער און שטיפפאטער לודוויק דאמאגאלא.

די מוטער מיט'ן זוהן זענען ענדליך אוועק א היים און דער פאטער האט זיך נאך אלץ „געוויילט“ האט די פרוי געשיקט דעם זוהן ברענגען דעם פאטער. מיט אמאל האט זיך דערהערט א שיסעריי און ווען זי איז ארויסגעלאפען פון שטוב, האט זי אין א 50 שריט געפונען איהר זוהן מיט א דורכגעשאסענעם שלייף, א גוססדיגען.

מ'האט ארויסגערופען פאליציי, וועלכע האט אנגעהויבען אן אויספארשונג. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז יוזעף איז געווען א מיטאינהאבער פון דעם פערמעגען מיט וועלכען ס'האבען פערוואלטעט זיינע עלטערן. ווען דאמאגאלא האט זיך ארומגעזעהען, אז יוזעף ווערט שוין פוליעהריג און ער וועט איהם מוזען אפגעבען זיין העלפט פערמעגען, האט ער בעשלאסען פון איהם פטור צו ווערען, רעכענענדיג, אז אויף איהם וועט דער פערדאכט נישט פאלען.

דער מערדער איז ארעסטירט און אפגעפירט אין וועליונער טורמע.

פרוי דער'הרגעט איהר מאן מיט א האקמעסער

א שוידערליכע פאמיליען-טראגעדיע

(2) יוזעפא סטאניעווסקא פון לאדז, דווארסקא 8 האט מיט צוויי יאהר צוריק חתונה געהאט מיט יאן זאדווארני פון וויעלון. די ערשטע צייט האבען זיי געלעבט זעהר גוט, אבער שפעטער, האט יאן אנגעהויבען אפט געבראכען דעם ביטערען טראפען און אויף דעם באדען פלעגען צווישען בארפאלק פארקומען אפטע מחלוקות. בפרט, אז יאן פלעגט נעמען, וואס ס'פלעגט זיך איהם טרעפען אונטער'ן האנד און עס פערקויפען, כדי צו האבען פארוואס צו קויפען א שנאפס. מאנטאג האט זאדווארני גענומען עטליכע פאר כאלעוועס און איז מיט זיי אוועק שטילערהייט, כדי צו פערקויפען און דאס געלד פערטרונקען. די פרוי האט עס אבער בעמערקט און איהם נישט געלאזט געהן. יאן האט זיין פרוי נישט בעהערט, האט זי געכאפט א האקמעסער און זיך געלאזט נאכ'ן מאן. ווען ער האט נישט געוואלט צוריקגעבען די כאלעוועס האט איהם די פרוי דערלאנגט עטליכע מאל מיט'ן האקמעסער איבער'ן קאפ. זאדווארני איז געפאלען בעגיסענדיג זיך מיט בלוט, און די פרוי איז אוועק אין פאליציי-קאמיסאריאט און געמאלדען וועגען דעם פארפאל, אפגעבענדיג דאס פערבלוטיגטע האקמעסער.

די פאגאטאוויטש האט זאדווארנין אפגעפיהרט אין שפיטאל, וואו ער איז אין א פאר שעה ארום געשטארבען. די פרוי איז ארעסטירט.

ביורא, אינדוסטריע און האנדעלס-
אנגעשטעלטע!!!
דער לאדזער פראפעסיאנעלער פעראיין
פון האנדעלס, אינדוסטריע און ביורא-אנגעשטעלטע
געפינט זיך איצט אויף דער גדאנסקא № 101
דער סעקרעטאריאט ערלעדיגט אלערליי ענינים, וואס האבען א שייכות מיט פראפעסיאנעלע פראגען טעגליך פון 11–2 נאכמ. און פון 5–9 אוונד.
די ביבליאטעק איז אפען טעגליך פון 12–2 נאכמ. און פון 6–8 אוונד.

צאהן-דאקטאר
L. Berger
זגערזשער 21, פראנט, 1 שטאק, עמפאנגס-שעהן פון 9,30 ביז 1 בייטאג און פון 5 ביז 8,30 אוונד.

ארום וועקסעל-געזעצען

די רעכטליכע פארשריפטען ביי'ם פראטעסטירען א וועקסעל

(סוף).

וואס שייך דער עצם פראצעדור פון א פראטעסט, דארף אויפמערקזאם געמאכט ווערען, אז דער רעיענט צוועגטועל צו'צודרער פראטעסטיר-ארגאן טאר זיך נישט בענוגענען מיט'ן בלויזען צושיקען אנ'אויפפאדערונג אויסצוקויפען א וועקסעל, נאר ער מוז זיך דוקא בעמיהען אויפצוזוכען דעם אויסשטעלער און איהם פערזענליך פארצושטעלען דעם וועקסעל.

אמת דער פראטעסט פערלירט נאך נישט זיין געזעצליכע קראפט אפילו, ווען דער רעיענט פאסט זיך נישט צו צו דער דערמאנטער פארשריפט. ער טראגט אבער די פולע פעראנטווארטליכקייט אין פאל, ווען זיין פערנאכלעסיגקייט האט פערשאפט געמען ס'איז א געוויסען מאטעריעלען שאדען.

דעסגלייכען מוז אויך אויפמערקזאם געמאכט ווערען אויף די וויטערדיגע בעשטימונגען פון וועקסעל-דעקרעט, לויט וועלכע דער פראטעסטיר-ארגאן איז פערפליכטעט צו פראטאקאלירען אלע ערקלערונגען פון אויסשטעלער בנוגע דעם כאראקטער פון פארגעשטעלטען וועקסעל און די אנגעגעבענע סבות, צוליב וועלכע ער וויל איהם נישט האנארירען. דער רעיענט איז אויך מחויב אריינצוטראגען אין פראטעסט-פראטאקאל דעם פערלאנג פון אויסשטעלער, אז דער זעיבע וועקסעל זאל איהם צומארגענס נאכאמאל פארגעשטעלט ווערען.

צום סוף איז וויכטיג נאך אנצווייזען אויף די פאלגענדע פארשריפטען, וועלכע זענען נוגע די רעכטליכע שוץ מיטלען פון א וועקסעל חוב.

אומאפהענגיג פון דעם אומשטאנד, צי דער וועקסעל איז פראטעסטירט געווארען, ארער ער איז לויט די אנגעוויזענע כללים פריי פון פראטעסט, פארגעשטעלט מוז ער אבער דעם אויסשטעלער אין דערמאנטען טערמין סיי ווי אומבעדינגט ווערען.

אין ביידע פאלען איז דער וועקסעל-בעזיצער מחויב צו מעלדען דעם פאריגען זשיראנט, אז דער וועקסעל איז נישט אויסגעקויפט געווארען.

אויב דער וועקסעל איז פראטעסטירט געווארען, דארף אזא מעלדונג צוגעשיקט ווערען אין משך פון 4 טעג נאכ'ן פראטעסט. האנדעלט זיך וועגען א בעפרייטען פון פראטעסט וועקסעל מוז געמאלדען ווערען שפעטסטענס א טאג נאכ'ן פארשטעלען דעם זעלבען וועקסעל.

דערהאלטענדיג אזא מעלדונג, מוז דער בעטרעפענדער זשיראנט אין משך פון 2 טעג וועגען דעם וויטער מיטטיילען זיין נאהנטסטען זשיראנט אזוי כסדר ביז דעם אויסשטעלער.

דאס נישט צופאסען זיך צו דער דאזיגער פארשריפט בעפרייט נאך נישט אמת, פון וועקסעל-פליכט. קוים האט ווער געליטען א דאנק דער דאזיגער נאכלעסיגקייט א געוויסען שאדען, קאן ער געגען דעם שולדיגען ארויסטרעטען מיט אנ'ענטשעדיגונגס-תבואה אין דער הויך פון וועקסעל-חוב.

י. אינפעלד.

באהן-קאטאסטראפע נעבען לאוויטש

נעכטען אינדערפריה איז נעבען לאוויטש פארגעקומען א באהן-קאטאסטראפע.

דער פערזאנען-צוג נומער 518, וועלכער איז געפאהרען פון לאדז קיין ווארשע, איז לעבען דער סטאנציע וויעלקאוויצע ארויפגעפאהרען אויף א מאנעווירענדען לאקאמאטיוו.

צוליב דעם צוזאמענשטויס איז דער לאקאמאטיוו ארא פון די שינעס און די ערשטע וואגאנעס פון פערזאנען-צוג זענען בעשעדיגט געווארען, צום גליק זענען די וואגאנען נאכ'ן לאקאמאטיוו געוועזען כמעט נישט בעזעצט און קיינער פון די פאסאזשירען האבען נישט געליטען. לייכטע וואונדען האבען בעקומען נאר דער מאשיניסט און זיין געהילף.

דער פערזאנען-צוג איז נאכדעם ווי מען האט אפגעטשעפעט די פאר בעשעדיגטע וואגאנען, אפגעגאנגען קיין ווארשא מיט א פערשפעטיגונג פון 75 מינוט.

א שרפה אין „טאז"

אין לאקאל פון „טאז" אויף אנדזשעיא 1 איז נעכטען אויסגעבראכען א שרפה אינ'ם גימנאסטישען זאל, וואס געפינט זיך אויפ'ן 1 שטאק. פונ'ם שטארק אנגעהייצטען אויוען האט זיך אנגעצינדען דער סופיט. די אנגעקומענע פייערלעשער האבען די שרפה איינגעלאשען קיין פארפאלען מיט מענשען זענען נישט געווען.

פון שטעט-פערבאנד

(2) אין ווארשא קומט היינט פאר א זיצונג פון דער פערוואלטונג פון שטאט-פערבאנד. צו דער זיצונג פאהרען ארויס פון לאדז די מערוואלטונגס-מיטגלידער פרעזידענט זשעמיענצקי, וויצע-פרעזידענט ראפאלסקי און לאווניק א. יאעל. אויף דער טאג-ארדנונג שטעהען א רייה פראגען וואס האבען א וויכטיגע בעדייטונג אויף פאר אונזער שטאט.

אין די שעכט הייזער.

(–) די קאנטראלעס, וואס דער וועטערינאר-אינספעקטאר האט אדורכגעפיהרט אין די שעכט-הייזער האבען פעסטגעשטעלט, אז די מעדיציניש אויפזיכט איז נישט גענוגענד.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער וואיעוואדע פעראררדענט, אז די וועטערינאר-דאקטוירים זאלען פערזענליך אנטיילנעמען אין אונטערזוכען די קיה, וואס ווערען געשחטן און אז דאס שחטן זאל פארקומען אין זייער אנוועזענהייט. פאר עובר זיין די פעראררדנונג וועלען די שולדיגע בעשטראפט ווערען.

ווער וויסט?

מיט דריטהאלבען יאהר צוריק איז אוועק פון דער היים שמואל אלי קעסטנבוים (פאמארסקא 39) פון דאן אן האט מען פון איהם גארנישט געוואוסט און נישט געהערט. די מוטער זוכט איהם די גאנצע צייט ארום און האט פון איהם נישט קיין שום נאכריכט, לעצטענס האט מען איהר מיטגעטיילט, אז מ'זאל איהם האבען געזעהען אין קאליש, ארבייטען ביי א מצבה קריצער. ווער ס'ווייסט עפעס וועגען שמואל אלי קעסטנבוים, 23 יאהר אלט, א ברונעטער, נידריגער וואוקס, ווערט געבעטען מיטצוטיילען ביי זיין מוטער אין לאדז (פאמארסקא 39).

דאנערשטאג, דעם 6. מערץ ד. י. קומט פאר

די ערעפנונג פון

???

פרטים אין די וויטערדיגע אנאנסען.

שמחה קוסעוויצקי

אויפ'ן חנוך הספר אין „פילהארמאניע"

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט ווערט היינט פינקטליך 7 אווענד אין זאל פון דער פילהארמאניע אויף דער חנוך-הספר פייערונג, וועלכע עס ארדענט איין די שעירי ערב כתר צעיוים נאוואמיעסקא 22. אויפטרעטען דער בערימטער און בעליבטער אין לאדז ראוונער אויבערקאנטאר שמחה קוסעוויצקי. די לאדזער יודען געדענקען נאך גוט זיין הארציג דאווענען פאראיאהרען אין לאדז, וואס האט ארויסגערופען די גרעסטע בעגייסטערונג.

די פייערונג זאגט צו צו זיין זעהר אימפאזאנט, הן צוליב דער חשובער בעטייליגונג פון ה' קוסעוויצקי הן צוליב דעם אינהאלטסרייכען פראגראם.

פון „ארט"

צוליב דעם ארויסטרים פון דעם „ארט"-ענסאמבל אין פאביאניץ ווערט היינט, מיטוואך נישט געשפילט.

מארגען, דאנערשטאג, 9.30 אווענד ווערט געשפילט „אהן א קאפ"... וועלכע האט ארויסגערופען ענטציקונג ביים טעאטער-עולם. הנחה בילעטען זענען גילטיג.

בילעטען בעקומט מען אין דער קאסע פון טעאטער פון 11–1 און פון 5 נ. מ.

טעלעגראמען

די געוואלדיגע פערפלייצונגס-קאטאסטראפע אין פראנקרייך

פיל מענשען אומגעקומען, 600 ארבייטער אפגעשניטען פון דער וועלט

פאריז, 4 (ספ. טעל.) די קאטאסטראפאלע פערפלייצונג אין דרום-פראנקרייך נעמט אן אלץ א גרעסערען אומפאנג. א רייה ערטער שטעהען אונטער'ן וואסער. אין לאק-צע זעהט זיך ארויס פון וואסער בלויז דער דאך פון דער וועבעריי. אין מאזאמעט זענען די פאבריקען ערנסט בעשעדיגט און אפגעשטעלט.

א גרויסע פערוויסטונג האט די פערפלייצונג אנגעמאכט אין סען אמאן, וואו ס'איז פערגאסען געווארען דער בית-עולם און ס'זענען ארויסגעריסען געווארען און אוועקגעטראגען געווארען מיט'ן שטראם די טויטע. אין סען סולפיס האט דאס וואסער ארא נגעריסען די בערג-ברעג. די קירכע, וועלכער איז אונטערגעשווענקט געווארען, דראהט איינצופאלען. צווישען נארבאן און פערפיניאן האט דאס וואסער אפגעשווענקט דעם גאנצען באהן-וועג.

אין שטעטעל קאסטרו איז דאס וואסער אזוי ראשיג אנגעקומען, אז די איינוואוינער האבען זיך קוים געראטעוועט מיט זייער לעבען. 20 מאן זענען דערביי אומגעקומען, אין א פאבריק געפינען זיך 600 ארבייטער, וואס זענען אפגעשניטען פון דער וועלט, בעת דער ארבייט. דער רעגען פאלט וויטער און פערשווערט די לאגע.

אין די בעדראהטע ערטער זענען ארויסגעשיקט געווארען סאפיארען-אפטיילונגען.

בעת דער רעטונגס-אקציע זענען אומגעקומען 10 זעלנער. די אלגעמיינע צאהל קרבנות בעטרעפט 64 קרבנות.

ס'ווערט אפגעשאפען לאקאטארען-שוץ

פאר דירות, וואס האבען מעהר פון 7 צימערן

ווארשא, 4. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). דער מיניסטערען-ראט האט אנגענומען א געזעץ-פראיקט, אז ס'ווערט אפגעשאפט דער לאקאטארען-שוץ פאר וואוינונגען פון 7 צימערן און מעהרער, אויב די לאקאטארען פון די וואוינונגען האבען ווייניגער משפחה-מיטגלידער, ווי ס'איז די צאהל צימערן.

צי קאנטער-רעוואלוציע, ציגוי-סער שטייער...

אבער דער וויטעבסקער רב האט געמוזט עוקר זיין.

ריגע, 4. (יט"א טעלעגראפיש) לויט א ידיעה פון מאסקווע איז ענטלאפען פון וויטעבסק דער דארטיגער רב מעדאליע, איינער פון די חשוב'סטע רבנים אין ווייס-רוסלאנד. מען ערקלערט זיין ענטלויפען דערמיט, וואס ער איז געווארען אנגעקלאגט אין פיהרען א קאנטער-רעוואלוציאנערע טעטיגקייט.

מאסקווע, 4. (יט"א טעלעגראפיש) לויט אנ'אינפארמאציע פון דעם יט"א-פארטרעטער אין מאסקווע איז דער וויטעבסקער רב ווירקליך אנטלאפען פון דער שטאט אויס מורא פאר אנ'ארעסט, אבער די סיבה איז די, וואס ער האט בעקומען אזא שטייער-אויפפאדערונג, וועלכע שטייגט איבער מיט איהר גרויס זיין גאנץ פערמעגען...

פערלאג „קולטור-ליגע", ווארשא.

ב. שעפנער (בית-שין)

רינגען

אינהאלט: 1) וועלט, מענשען און הערשער, אויך 2) יודישקייט, 3) שרייבער, 4) הומארעסקעס, 5) סצענעס.

15 דרוק-בויגען פרייז 5.25

Spółdzielnia Wyd. „Kultar-Liga"
Warszawa, Leszno 40. P.K.O. 24–28

א באנקעט

לכבוד ל. לאוואנדאווסקין.

(–) אין טיוואלי איז נעכטען פארגעקומען א באנקעט לכבוד ה' ל. לעוואנדאווסקי, בעאמטען פון דער אדמיניסטראציע אפטיילונג אין דער וואיעוואדזטווע, וועלכער געהט אריבער צום געריכטס-וועזען. אין נאמען פון וואיעוואדע האט ה' לעוואנדאווסקין געזעגענט דער שעף פון דער זעלבסטפערוואלטונגס אפטיילונג ה' קאמשינסקי, ס'האבען אויך גערעדט די ה"ה: קאזלאווסקי, אינספ. עלזנער, קורקאווסקי, גידינסקי און שבער.

צום סוף האט ה' לעוואנדאווסקי זיך געזעגענט מיט די קאלעגען און געדאנקט פאר דעם כבוד.

געפונען געוועהר בעת א רעוויזיע אין זגערזש

(2) די זגערזשער פאליציי האט אדורכגעפירט א רעוויזיע אין דער וואוינונג פון פראנטשישעק יאגיעלסקי (אלעקסאנדראווסקא 8) בעת דער רעוויזיע האט מען ביי איהם געפונען 2 רעוואלווערן, א סטראשאק, א באגנעט און עטליכע צעהנדליג רעוואלווער-פאטראנען. איינער פון די יאגעלסקיס איז אפגעזעסען א אורטייל פאר אוואנטורעס, דער צווייטער-פאר שלאגען א פאליציאנט.

די פאליציי פיהרט אנ'אויספארשונג.

צירקולאר וועגען אדמיניסטראטיווע שטראפען

(וו) די לאדזער וואיעוואדזטווע האט בעקומען א צירקולאר פון אינערן-מיניסטעריום וועגען די אדמיניסטראטיווע שטראפען. דאס מיניסטעריום שטעלט פעסט, אז א חוץ די אינסטרוקציעס, אז מ'זאל וואס ווייניגער אנווענדען אדמיניסטראטיווע שטראפען און ווירקען מיט, אז די מיטלען, זענען אין פערגאנגענעם יאהר איינגעפלאסען 1.200,000 זל. פאר שטראפען, דאס מיניסטעריום ווייזט אן, אז אין די וואיעוואדזטוועס, וואו צו דער אקציע פון דער אדמיניסטראטיווער שטראף-פאליטיק זענען צוגעצויגען געווארען געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און איינצלנע טוער, איז געלונגען צו דערגרייכען א בעדייטענדע פערקלענערונג פון אדמיניסטראטיווע פערברעכענס, דעריבער ווענדעט דאס מיניסטעריום נעמען אין אכט נאר אזעלכע פאלען פון פערקלענערען די אדמיניסטראטיווע איבערשרייטונגען, ווען ס'וועלען אנגעווענדעט ווערען דער מינימאלער צאהל שטראפען.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) ל. פאוולאווסקי פיעטרקאווער 307; ס. האמבורג גלובנא 50; ד. גלוכאווסקי נארוטאוויטש 4; י. שיטקיעוויטש קאפערניק 26; כארעמזא פאמארסקא 10; א. פאטאש פלאץ-קאשצעלני 10.

ענדליך

האבען זיך אלע איבערציינגט אז די פאטענטירטע פעלד-בעטען

PALMA-PATENT וועלכע זענען פערזעהען מיט דער שוץ-מארקע זענען די פראקטישסטע און דויערהאפטסטע מיט א גאראנטיע אויף 3 יאהר, עמפפעהלען מיר אויף לאגער.

אויסערדעם בעזיצען מיר אין א גרויסען אויסוואהל

ניקעל-בעטען, ניסעל-קינדער-בעטען, טיש-בעטען, אטעריסאנקעס, קינדער-וועגעלעך, קינדער-בעטעלעך אויף רעדלעך, טעטער-מאס,

מאטראצעס, גאבאסע, שאטשאווע און קאנאדיסקע קאוטשוקעס און טאפטשאנעס

בעמערקונג: בעטלעך מיט ווענטלעך וויים און ברוין 17 זל., פאלקוו-בעטלעך 14 זל.

רעעלע בעהאנדלונג, -- מעסיקע-פרייזען, -- וויטליכע רעפרעזענטאציע.

הורש לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 31-85 וועטיל

א מעשה וועגן א פויער מיט 5000 דאלאר

א בלוט-בלבול איז טראַב

די טעג איז אין ווילנער קרייז-גערייכט בעהאנדעלט געווארען א פראצעס געגען מערדער קלימטשעוויטש, וועלכער איז, ווי בעקאנט, פערמשפט געווארען צו אייביגער תפיסה פאר ערמארדען א געוויסען גורי.

אין 1921 יאהר איז פון אמעריקא געקומען קיין טראב דער פויער אראם שומסקי מיט זיין גאנצער משפחה און האט מיטגעבראכט מיט זיך פינף טויזענד דאלאר. שומסקי איז בטבע געווען זעהר א פארזיכטיגער האט ער זיין קאפיטאל טאקע פערגראבען אין שטוב אונטער דער פאדלאגע און פערשטעלט דעם ארט מיט א פאס ארבעס און מעהל.

אין א געוויסער צייט ארום האט זיך צו דעם רייכען פויער אין שטוב אריינגעקליבען אלס שכן קלימטשעוויטש מיט זיין פאמיליע, מאכט זיך א מעשה אז ערב פריהלינג בערך אנהויב אפריל, 1922 יאהר, האט מען שומסקי פארגעלייגט צו קויפען א שטיקעל ערד אין א צווייטער שטעטעל. האט ער אפגערוקט די פאס, אויסגעגראבען דאס געלד, ארויסגענומען פון דער בעהעלטעניש טויזענד דאלאר און אוועקגעפאהרען קויפען די ערד.

קומענדיג אבער צוריק האט שומסקי געפונען א גאנצע איבערקעהרעניש אין דער היים... דאס ווייב איז פערטרויערט, און זיין טאכטער ארעלינא איז נישטא אינדערהיים, נעהמט ער זיך נאכפרעגען, דערצעהלט איהם זיין פרוי קאטערינע, אז מיט א טאג צוריק, איידער ער איז געקומען איז זי אפגעפאהרען קיין אלשאן, און האט איבערגעלאזען אין שטוב די טאכטער ארעלינע, ווען זי האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים האט זי געפונען די טיר פערשלאסען און די טאכטער ארעלינע איז פערשוואונדען... הויה ווי עס איז געווען פאר פסח האט מען באלד פערשפרייט א קלאנג, אז דאס איז א „יודיש" שטיקעל ארבייט, און אז מ'האט די פופצעהן-יאהריגע שיקסע געקוילעט אויף מצה... און ווי געוועהנליך, אין אזעלכע פאלען האבען זיך באלד אפגעזוכט אפילו „עדות"; איינער האט געהערט, ווי דער פיטער האט געזעהן, או דער דריטער האט גערעדט... האט מען טאקע עטליכע יודישע בעלי-בתים פון שטעטעל ארעסטירט און געפאדערט אז זיי זאלען זיך מודה זיין...

ס'איז איבעריג צו דערצעהלען, אז די יודישע בעפעלקערונג האט געלעבט אין שרעק, טראב געדענקט נאך עד היום דעם טרויעריגען ערב פסח פון יאהר 1922.

די אויספארשונג האט אבער נישט געפונען קיין שום גרונד פאר א ביטולער בעשולדיגונג!

און דער גאנצער בלוט-בלבול איז פערשוואונדען ווי א רויך. דעמאלט איז די אויספארשונג אוועק אויף אן אנדער וועג און געמעלדעט: די נעכטיגע האבעי געווארפען דעם חשד אויף זייער שכן קלימטשעוויטש מיט זיין משפחה. די מעשה איז, וואס מיטן פערשווינדען פון דעם מיידעל א עינא זענען אויך פערשוואונדען געווארען די פיר טויזענד דאלאר, ס'איז דעריבער ענטשטאנען א חשד, אז בעת שומסקי מיט זיין פרוי זענען אינדערהיים נישט געווען האט קלימטשעוויטש געצוואונגען די פופצעהן-יאהריגע ארעלינא ארויסצוזאגען וואו דאס געלד ליגט, דערנאך האט מען איהר דערהרגעט איהר קערפער בעהאלטען און צוגערויבט דאס געלד... די קלימטשעוויטשעס האט מען ארעסטירט, איינער פון קלימטשעוויטשעס זיהן, א ביסעל צודרייטער האט תחילה טאקע ערקלערט, אז ער האט געזעהן ווי פרעמדע האבען דערהרגעט ארעלינאן, שפעטער האט ער שוין ערקלערט, אז זיינע ברידער האבען איהר דערהרגעט, דערנאך האט ער אונגעזאגט געלייקענט שטיין און ביין...

די אויספארשונג האט אויך קיין זאך נישט ענטדעקט און די קלימטשעוויטשעס האט מען סוף כל סוף בעפרייט.

נאך זייער בעפרייאונג, זענען אלע קלימטשעוויטשעס, ווייסרוסען, אנטלאפען קיין סאוויעטען-רוסלאנד. ערשט נאך זייער אנטלויפען קיין רוסלאנד האט מען אין א וואלד הינטער טראב געפונען שטיקלעך פון מענשליכע פינגער, וועלכע זאלען שטאמען פון א פרויען-האנד, און, ווי מען האט משער געווען, איז עס טאקע פון דער פערפאלענער ארעלינא. אבער וועמען צו ארעסטירען איז שוין נישט געווען... ערשט נאכדעם ווי גורין איז דערמארדעט געווארען אין ווילנע אויף דער יאגעלאנער גאס און מען האט זיך דערוואוסט, אז דער מערדער איז קלימטשעוויטש, וועלכער האט אמאל געוואוינט אין טראב, האט די פאליציי צוריק דערוועקט די טראבער מעשה און צוגעצויגען איהם צום גערייכט פאר ערמארדען די פופצעהן-יאהריגע ארעלא שומסקי.

דער ווילנער קרייז-גערייכט האט דעם ענין בעהאנדעלט, דער פראקוראר האט געפאדערט פאר דעם בעשולדיגטען א הארבע שטראף, דער פערטיידיגער האט זיך בעמיהט צו בעווייזען, אז די שולד איז בכלל נישט דערוויזען און האט געפאדערט צו בעפרייען קלימטשעוויטשען, דאס גערייכט האט איהם טאקע פריינעשפראכען.

יורידישע עצות

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" ענטפערען אויף יורידישע פראגען, וואס ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן
יורידישע אפטיילונג
פון „נייעם פאלקסבלאט".

בעם דערלאנגען אן אנפראגע אויף א יורידישע עצה, דארף צוגעלעגט ווערען דער קופאן מיט דער דאטע פון טאג, ווען די אנפראגע ווערט אריינגעגעבען. אויף אנפראגען אהן קופאן, וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

237 נחום:
אויב אייך איז פערבאטען צו פערלאזען אייער וואוין-ארט און איהר מוזט צוליב וויכטיגע פאמיליע-אנגעלעגענהייטען דורכאויס אוועקפאהרען, דארפט איהר זיך בעמיהען וועגען אן ערלויבניש דערויף פון דער פראקוראטור.

238 מאלאטשני:
דאס געזעץ זעהט אין דעם פאל פאר 2 ערליי משפחה-גלידער.
zstępni זיינען די גלידער, וועלכע שטאמען ארויס פון פערשטארבענעם צב"ש קינדער אייניקלעך אוראייניקלעך און wstępni דאס זענען אזעלכע משפחה-גלידער פון וועלכע דער פערשטארבענער שטאמט ווייטער אא.וו. זיינע עלטערען, באבעס און זיידעס עלטער באבעס און עלטער זיידעס.

239 א טרייער לעזער פון שענקיעוויטשא:
געוויס קען מען אויך ארייננעהמען אין אקטיווען דינסט א פערזאן, וועלכער איז קוואליפיצירט געווארען צו דער קאטעגאריע C און אפילו אויך צו דער קאטעגאריע D, אויף וויפיל די מיליטער-מאכט נויטיגט זיך גראד אין זיינער פאך-ערפאהרונג אדער אינטעליגענץ.

240 א שטענדיגער לעזער פון קאנסטאנטינער גאס:
די געזעצליכע ווירקונג פון א נאדזאר שפרייט זיך נישט אויס אויף אזעלכע אינקאסא-וועקסלען.

241 מאשקאוויטש:
242 לעאנארד:
243 א לעזער פון קאנסטאנטינין:
244 לייזער איטשע:
וועגען אייערע ענינים דארפט איהר זיך פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט טעגליך פון 4–3 מיטבריינגענדיג די צייטונג.

245 ר. קל.
אויף אן אורטייל פון א שידס-גערייכט קען מען קיין אפעלאציע נישט דערלאנגען.

246 א לעזער פון פולנאצנע:
ס'איז א פראגע, צי די אלע יורשים פון הויז זענען מינדיעהריג אדער ס'זענען צווישען זיי אויך פערהאן פוליעהריגע.
אין ערשטען פאל קען דאס הויז נישט אנדערש פערקויפט ווערען, סיידען אויס'ן פערקויף וועט זיין א בעשלוס פון פאמיליע-ראט, בעשטעטיגט דורכ'ן קרייז-גערייכט.

247 א פעראינטערעסירטען לעזער:
די רעכטליכע פערהעלטנישען פון ספולקעס מיט בעגרעניצטע האפטונג ווערען רעגולירט דורכ'ן דעקרעט פון 8 פעברואר 1919 (דוז. אוסטאוו 15/1919 פאז. 201.

248 פילאט:
א שוואגער אדער א שוואגערין פון אנגעקלאגטען האט לויט דער נייער שטראף דאס רעכט צו ענטזאגען זיך פון עדות-זאגען.

249 אברהם:
אויב ס'האנדעלט זיך וועגען א זאצופיטשעניע דארפען די סעקוועסטירטע זאכען איבערגעלאזען ווערען אויפ'ן א. ט.

לאדזשער קאמעראל-טעאטער „ארט" אל. 1. מאי 2 פריהער ענגל. זאל
ליטעראר. לייטער: משה בראדערזאן, דירעקטאר: יוסף סטרוגאטש
קאמפאזיטאר: דוד בייגעלמאן.
היינט, מיטוואך, ווערט נישט געשפילט.
מארגן, דאנערשטאג, 9.30 אין אוונט ווערט געשפילט
דאס נייע 3. פראגראם „אהז אקאפ" ••• קינסטלערישער רעווי און קאמער-פראגראם
18 שלאגער-נומערן 18 / הנחה בילעטן זענען מארגן גילטיג.
קאנפערענסיערען: יעקב מאנדעלבלים און נתן רייכענבערג.
בילעטן צו בעקומען יעדען טאג פון 11—1 מיטאג און פון 5 נאכט. ביי דער קאסע פון טעאטער.

„בראדוועי"

פון משה נאדיר

„דער לוסטיגער ווייסער וועג" — מיינט מען בראדוועי, ארום דער ניו-יארקער טעאטער-געגענד. ווער האט נישט געהערט פון לוסטיגען ווייסען וועג? דארט שרייט די שטאט איהר העכסטען געשריי פון אויסגעלאסענעם ווייטאג; דארט שפילט די רייכקייט און בלענדעניש, פינקעלט ווי צושפאסען גלאז קעגען דער זון די לעגענדע פון דערגרייכען, פון ערפאלג, פון „סוקצעס".

ציטונגס-פילאזאפען און וואלוועלע זשורנאלען ווייזען שטענדיג אן אויף בראדוועי, ווי אויף א בעווייז, אז אמת'ע קונסט ווערט סוף כל סוף בעלוינט... און אז ווי גוט ס'רעכט זיך אן מיט שלעכטס, מוז דאס שלעכטס אפטרעטען דעם וועג. זיי דערצעהלען וועגען ארימע יונגלעך און מיידלעך, וואס זענען געקומען פון די פראווינץ-שטעט אין אמעריקע, מיט איין העמד אויפ'ן לייב. און בראדוועי האט מיט זיי א נס בעוויזען! ווי אן אלכעמיקער מאכט פון א געמיינעם מעטאל גאלד, אזוי מאכט די אלכעמיע פון בראדוועי גרויסע מענשען פון גארנישט. דערהויבט צו א שווינדעל-הויכער מדרגה אזעלכע וואס האבען זיך שטענדיג געשראקען אפילו צו אזא הויכקייט ארויפצוקוקען. בראדוועי איז א לעגענדע פון גאלד און וויין, פון רויטע ראקעס און געלע רויזען. בראדוועי כשופ'ט מיט איהר נאכטיגער ליכטיגקייט. איהר „ווייסער וועג" איז דער מילך-וועג אויף דער ערד — א קליינע סאטירע אויף די שטערען און זונען. וואס זייערע היינטיגע שטראהלען דערגרייכען צו אונז ווען מיר זענען שוין נישטא.

ביי די „הייליגע" ווענד פון בראדוועי וויינט דער מידער וואנדערער... ביי איהרע טויערען ווישט מען זיך די שיך מיט עהרפורכט. צו איהרע געטער און געטינס בוקט מען זיך, ביז דער אייגענער שטערען, שלאגט זיך אן אין דער ערד.

בראדוועי! בראדוועי! דו גרויסער וועלט-אומרוה צוזאמענגענומען אין א רייף! דו פערקאמעדיאנטעוועט הארץ פון דער וועלט! דו פערהוזקעטע משיח-האפנונג!

צו בראדוועי ציהען די חלומות פון אלע קינסטלער — ווי ווייסע קראנען אין דער וויסטעניש. צו בראדוועי ציהען זיך אלע העגד פון די געלד-זוכער, חלומות-שפינער, אוואנטוריסטען, פינאנצירען, ברויט- און לייב-הענדלער.

האנדעל! האנדעל! רום! רום!

די טויזענדער שווייסען פון ארימע מענשען, וואס שוויצען אין א טעאטער, פאר דעם פרייז פון א בילעט, אריינצוגעהן אין א טעאטער, און שוויצען אויס דעם שכל, מיהענדיג זיך צו פערשטעהן די „טיפקייט" פון דעם טעאטער —

די אלע מענשען-שווייסען ווערען פון די געלד- און רום-כעמיקער פערוואנדעלט אין א דעליקאטען פערפום, וואס איז אזוי זיס צו די נעז פון די אוואנטוריסטען, קונסט-מעקלערס, דערגרייכער.

ווי יונגען, וואס האנדלען מיט פרויען-שעהנקייטען, אזוי האנדלען דא די חברה מיט... גייסט. קומסטו און וויזסטו דיין פערבלוטיגט הארץ, די דארן-קרוין אויף דיין קאפ, — שאצט מען באלד אפ, אויף וויפיל דיינע יסורים וועלען זיך לאזען רעקלאמירען, און וויפיל געלד מען קען דערפון מאכען.

„קונסט" איז דא ביי אלעמען אויף די ליפען, אבער ביי קיינעם נישט אין הארץ.

דא שטעלט מען אויס קונסט אין די פענסטער, ווי דאס אמאליגע עלען-סטריט פלעגט אויסשטעלען איהרע ווייבער. „הויכע קונסט" דערמאנט דא אין די „הויכע בריסט", מיט וועלכע פראסטיטוטקעס ריהמען זיך, ווען זיי פערלאנגען פון אייך נאך 25 סענט... קוקט איהר אויף דעם ווילדען קונסט-יאהר-מארק פון בראדוועי, איז אייך שווער צו גלויבען, אז קונסט איז עפעס א זאך, וואס האט אין זיך קדושה, וואס טראגט אין זיך דעם סוד פון אלע וועלטען, וואס שלאגט צו שאטענס צו זייערע ערטער, הערט ארויס שטיקער צייט און און בעהאלט זיי אויף אייביג.

אויף בראדוועי איז קונסט דער שטריק זיך א שוויגג צו טון צום לייטער, וואס פיהרט צום הימעל ארונטער. אויף בראדוועי איז דער הימעל נישט דער אמת'ער הימעל — נאר דער אפשפיגעל פון א הימעל אין א זומפ...

דא זענען אויסגעמעקט די ווערטער: פערגעבונג, רחמנות, געדולד. און וועה איז דעם וואס פאלט אין מיטען קלעטערן, איידער ער דערגרעהט די לעצטע טרעפ.

ווייזט איהר נאר די קלענסטע סימנים פון שוואכקייט, פון אומגלויבען אין זיך אליין, זענען אייערע שמשים און לאקייען באלד גרייט אייך ארפצושטופען פון זעלבען פיעדעסטאל; אויף וועלכען זיי האבען אייך ארויפגעשטעלט, געטער לעבען דא נישט לאנג, א יאהר, צוויי, דריי, פיער — דאס בראדוועיער קלימאט איז שעדליך פאר געטער!

דא איז נישטא קיין ערגער פערברעכען ווי שוואכקייט. קיין נידעריגערע זאך, ווי ארימקייט. קיין גרעסערע בושה, ווי צו האבען א לעבעדיג הארץ...

בראדוועי לעסטערט דעם הימעל ביינאכט מיט איהרע פייערדיגע שילדען. פערשוועכט דעם הימעל בייטאג מיט איהרע טורם-שפיצען, וואס צילען דעם זעהעדיגסטען גאט די אויגען אויסצושטעכען...

בראדוועי! — דא ווערט אמעריקע געמוסטערט, געפורעמט. פון דאנעט ווערט אמעריקאנישקייט איבער'ן לאנד צושיקט, איבער שטילע שטעט און עהרליכע דערפלעך, דארט ווערט די ריינע לופט מיט בראדוועי-עסענץ פערשטונקען. דארט טוען פרויען אויס די שעהנסטע פנים'ער און טוען זיך אן די מאסקעס, וואס בראדוועי מאכט פאר מאדע...

יעדע שטאט און שטעטעל איבער אמעריקא ציהט זיך צו בראדוועי. יעדער קוימען-רויך—נייגט זיך אהער, יעדער הארץ-קלאפ שלאגט אהער. ביינאכט ארבייטען בהגען אין די אינגעווייד פון ניו-יארק. סאפען שיפען. הייצערס שטעהען ביי די פייערס. אנלאדערס לאדען אויף און אפ.

א פויער, האט זיך א גאנצען זומער אפגעמיהט. ס'קעפעל אספאראגוס מיט זיינע טרעהרען בעגאסען, מיט זיין שווייס... דער פישער האט זיין פאנג אין זיין בלאט-בייט אויפ'ן דעק פון מגפה-דיגע עיפוש'דיגע בוכטעס געזוכט. אין פייכטע ווייגקעלערס האט דער ארימער פראנצויז אדער איטאליענער דעם וויין געצייטיגט. און — רומאטעס בעקומען. דער גערטנער האט זיינע בורשטין-פארביגע רויזען און זיינע כריזאנטעמען הינטער א גלאז געווארעמט, אינמיטען דער נאכט אויפגעשטאנען, זיי איינגעדעקט געגען פראסט, געציטערט איבער זיי, ווי איבער אייגענע קינדער. איינ'ם אפענעם מויל פון בראדוועי פליהט אלץ אריין אזוי גרינג, אזוי שטיל, אזוי גלאט, גלייך ווי דער הימעל וואלט געעגענט מיט רויזען און די פירות פון דער ערד וואלטען זיך געגעבען דעם מענשען אזוי גרינג, ווי זינג-מיידלעך.

דער אַרעסט פון די מינסקער רבנים

וואָס ערקלערט וועגן דעם הרב שמעון גלאַזער

נ י ו - י א ר ק (י.ט.א.) אין אָפיציעלן אָרגאַן פון דער סאָוויעטישער רעגירונג „איזוועסטיע" איז פערעפענטליכט געוואָרען, ווי בעקאַנט, אַן ערקלערונג, אַז די אַרעסטען פון די מינסקער רבנים זענען פאָרגעקומען צוליב די אונלעגאַלע בעציהונגען מיט אויסלענדישע רבנים, צווישען אַנדערען איז אָנגעוויזען געוואָרען אויף אַן אונלעגאַלע פערזאַמלונג פון רבנים מיט'ן אָנטייל פון דעם אַמעריקאַנער ראַבינער שמעון גלאַזער, בעת דער לעצטער האָט פאַראַיאָהרען געווייזט אין ראַטען-פערבאַנד. אויף דער דאָזיגער פערזאַמלונג זאָלען די מינסקער רבנים האָבען אינפאָרמירט דעם אַמעריקאַנער גאַסט וועגען דעם צושטאַנד פון רעליגיע אין ראַטען-פערבאַנד און וועגען דער לאַגע פון די יודען, ערקלערענדיג דערביי, אַז דאָס יודישע פאָלק געהט אונטער אין סאָוויעט-רוסלאַנד און דער יודישער דת ווערט פערפאָלגט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט הרב שמעון גלאַזער, פרעזידענט פון צענטראַל-ראַט פון אָרטאָדאָקסישע רבנים אין אַמעריקאַ בעפולמעכטיגט די יודישע טעלעגראַפען אַגענטור צו פערעפענטליכען אין זיין נאָמען אַן ערקלערונג, אין וועלכער ער לייקענט קאַטעגאָריש אָפּ, אַז ער זאָל האָבען אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט די מינסקער רבנים און בעקומען פון זיי אינפאָרמאַציעס.

הרב גלאַזער שטעלט פעסט, אַז דאָס סאָוויעטישע אינפאָרמאַציע-ביוראָ אין וואַשינגטאָן, ווי אויך דער סאָוויעטישער באָטשאַפטער אין בערלין און דאָס סאָוויעטישע אויסערן-מיניסטעריום זענען געווען גענוי אינפאָרמירט וועגען דעם ציל פון זיין בעזוך אין ראַטען-פערבאַנד, וואָס האָט זיך בעגרענעצט בלויז צום פאָרשען דאָס יודישע לעבען אונטער'ן סאָוויעטישען רעזשים. מיט דעם דאָזיגען בעדינג האָט הרב גלאַזער בעקומען זיין פאַס קיין סאָוויעט רוסלאַנד.

שוין אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך מיין אָנקומען קיין רוסלאַנד ערקלערט ווייטער הרב גלאַזער האָב איך געהאַט די מעגליכקייט איינצוקויפען דאָס בוך מיט די גענויע פאַרשריפטען פון אַפּריל 1929 וועגען די רעליגיעזע קערפערשאַפטען, וואָס זענען בעשטעטיגט דורכ'ן פרעזידענט פון דער ווייס-רוסישער ראַטען-רעפובליק, טשערוקאַסאָוו, איך האָב אויף אַזאַ אופן געהאַט אַלע אינפאָרמאַציעס, וואָס זענען געווען פאַר מיר נויטיג, איך האָב שוין דערפאַר נישט געהאַט נויטיג אַנטיילצונעמען אין אַ רבנים-פערזאַמלונג, ווייל איך האָב זיך שוין נישט געניטיגט אין ווייטערדיגע אינפאָרמאַציעס.

ווען איך בין פאַריקגעקעהרט קיין אַמעריקאַ האָב איך זיך אונטערוועגס געטראָפען מיט'ן פערטרעטער פון אַמעריקאַנישען באָטשאַפטער אין פראַנקרייך, וועלכער האָט מיר פאָרגעשלאָגען צו פערעפענטליכען די צונויפגעזאַמעלטע פאַקטען, דאָס האָב איך טאַקע געטון.

דאָס אַרעסטירען די מינסקער רבנים האָט פערענדיגט זיינע ערקלערונגען הרב גלאַזער איז אַ טייוולאָנישער אויפטו. די רבנים האָבען נישט געהאַט קיין שום געלעגענהייט מיך צו זעהען, ווייל איך בין געווען אונטער אַ שטענדיגער שמירה און אַפילו בעוואַכט דורך אַ מיליטער-פאָליציי.

אַ שוהל אויפ'ן נאָמען פון לואי מאַרשאַל

ז אַ וו י ע ר ט ש ע, (י.ט.א.) אויף אַן אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון דער היגער גמילת-חסדים-קאַסע איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די שוהל, וואָס געפינט זיך ביי דער גמילת חסדים-קאַסע זאָל גערופען ווערען אויפ'ן נאָמען פון לואי מאַרשאַל.

געשטאָרבען אַ 108 - יעהריגער יודישער קאָלאָניסט

פ י נ ס ק, (י.ט.א.) די טעג איז אין איוואַניק (ביי פינסק) געשטאָרבען דער יודישער קאָלאָניסט שלום גלאַזער, וועלכער איז אַלט געווען 108 יאָהר. ביז אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען האָט דער 108-יאָהריגער זקן זיך געפיהלט געזונד, געאַרבייט און געוויהט די פעלדער און צייטענווייז געמאַכט אַ שפּאַציר פון דאָרף קיין פינסק צו פוס.

יוד. קאָלאָניסטן בעפרייט אויף 10 יאָהר פון צאָהלען זייערע הלוואות

מ'דאַרף זיך נישט שפּילען אין יודישע קאָמונעס, זאָגט מערעזשין

מ אָ ס ק ו ע, (י.ט.א.) די צענטראַלע סאָוויעטישע אַגראַר-באַנק האָט, אַ דאַנק די השתדלות פון „קאָמזעט" איינגעשטימט צו פערלענגערן די אויפמאַהנונג פון הלוואות ביי די יודישע קאָלאָניסטען אין קרים און אויף אוקראַינע אויף צעהן יאָהר צייט.

דער פּאָרזיצער פון „קאָמזעט" ה' מערעזשין האָט אָפּגעגעבען אַ בעריכט לויט וועלכען די לאַגע פון די יודישע קאָלאָניעס אין קרים און אין קאַליבינדאָרפער ראַיאָנען איז נאָך אַלץ זעהר אַן ערנסטע. מערעזשין וואָרענט אויף אַן ענערגישען אופן מען זאָל נישט קאָנפיסקירען קיין פערמעגען ביי די יודישע „קאָלאָקטיוועס" און מען זאָל זיי נישט אַרויסשיקען פון די קאָלאָניעס.

די „לינקע" בעלי-תשובות — זאָגט מערעזשין ווייטער אין זיין וואָהרנונג — ערקלערען איצט, אַז מען דאַרף נישט קאָלאָניזירען קיין יודישע דעקלאַסירטע, וואָס האָבען נישט קיין וואָהל-רעכט. דער „קאָמזעט" וועט אָבער זיך נישט רעכענען מיט די געוועזענע „רעכטע", וואָס האָבען איצט אָנגעהויבען ווערען עקסטרעם לינקע, גראַד איצט וועלען מיר קאָלאָניזירען מעהר וואָהלרעכטלאָזע יודען ווי פריהער.

מערעזשין וואָרענט אויך געגען יענע, וואָס ווילען פערוואַנדלען די יודישע קאָלאָניעס אין קאָמונעס. מיר דאַרפען זיך נישט שפּילען אין קאָמונעס אין די יודישע דערפער, ערקלערט מערעזשין, אַזאַ שפּיל וועט דערווייל בלויז דיסקרעדיטירען אונזער אַרבייט.

דער רומענישער „אַזעף"

(ענדע פון דער 3-טער זייט).

טיבאַקו גאַנץ פּרעך און האָפערדיג דערצעהלט, אַז ער האָט אַרויסבעקומען און אָפּגעשיקט קיין סאָוויעט-רוסלאַנד אַלע קאָפּיעס פון די אַבמאַכען, וואָס רומעניען האָט געשלאָסען מיט די איבעריגע מלוכות. צווישען אַנדערע דאָקומענטען האָט טיבאַקו אַרויסגעגעבען די סאָוויעטען דעם גאַנצען פּלאַן פון רומענישען שפּיאָנאַזש-אַפּאַראַט אין אויסלאַנד. איצט מוז דאָס אַלץ פון דאָס ניי איבערגעבויט ווערען.

דער פאַרשטעהענדיגער פּראָצעס געגען שעף פון דער רומענישער אָכראַנע טיבאַקו און זיינע שותפים וועט זיין איינער פון די זעלטענע פּאָליטישע סענסאַציעס פון דער נאָך מלחמה-צייט אין אייראָפּאַ.

בעת דער ווייטערדיגער אויספאָרשונג געגעבען דעם רומענישען שעף פון דער פּאָליטישער פּאָלין צייט טיבאַקו האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז טיבאַקו איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער סאָוויעטישער האַנדעלס-מיסיע אין בערלין.

טיבאַקו, וועלכער איז געווען זעהר אָנגענומען אין רומענישען גענעראַל-שטאַב אַלס קענער פון די פערהעלטנישען אין בעסאַראַביען, האָט מיט אַ האַלב יאָהר צוריק בעקומען דעם מאָביליזאַציע-פּלאַן, כדי צו זאָגען זיין מיינונג וועגען דער מעגליכקייט אָנצווענדען דעם דאָזיגען פּלאַן אויף דער סאָוויעטישער גרעניץ. דערווייל האָט דער געטרייער פּאָליציי-שעף געמאַכט זיך אַ קאָפּיע פון מאָביליזאַציע-פּלאַן און איהם פערקויפט דעם סאָוויעטישען אַגענט אין בערלין פאַר 50 טויזענד דייטשע מאַרק.

ר.

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאַן.

נאָר 5 גאַסטשפּילען
פון דער וועלט-בערימטער סובּרעטין
קלאַרא יאַנג

פרייטאָג, ד. 7-טען, זונטאָג, ד. 9 טען, 9 אָוונד — די שיינע קאָמ. אָפּערעטע
„דזשעקעלע בלאָפער"
אין 3 אַקטען פון בּוֹעז יונגוויץ. מוזיק פון שלום סעקונדע.
הויפּט-ראָל „דזשעקעלע"—קלאַרא יאַנג.

שבת, 4 נאָכמיטאָג, מאָנטאָג, דעם 10-טען, 9 אָוונד צו פּאָפּולערע פּרייזען
די רומענישע חתונה
אין 3 אַקטען פון שאָר. הויפּט-ראָל „דבורה"—קלאַרא יאַנג.

שבת, ד. 8-טן, 9 אָוונד די פריילּיכע אָפּערעטע / די איינציגע איבעראַל-אָנערקענטע
חנה'טשע אין אַמעריקאַ
אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ. הויפּט-ראָל „חנה'טשע"-קלאַרא יאַנג.

אַלע פּיעסן רעזשיסירט פון בּוֹעז יונגוויץ, צו די פּאָ שטעלונגען איז אַנגאַזשירט געוואָרען דער אַרטיסט פון קאַמינסקי'ס טעאַטער ל. וויינבערג.
פּאַספּאַרטוען און פּריי-קאַרטען נישט גילטיג.

ס'נעהמט אנטייל (לויט א.ב.) פרויען: בעזמאַן, מאַכאַראָווסקאַ, נערה, פּאָדערמאַן. מענער: אַריעל, אייזענבערג, באַלבירסקי, האַמבורגער, מאַכאַראָווסקי, נייהויז, פּאָלאַנסקי, ראַקאָוו.
אַדמיניסטראַטאָר: ס. אַרנוואַלד. מוזיקאַלישער לייטער: ל. זעלמאַן.

ס'גייעג נאָך שאָטען

(59 (סענסאַציאָנעלער ראָמאַן)

— אַך, צום טייוועל! — האָט דער שאָפער אַרויסגעשעפטשעט, און שנעל אַ טאַפּ געטון דעם באַנקנאָט, צי איז ער נישט קיין פאַלשער.

— וואָס איז דאָ? — האָט זיך דערהערט אַן'אויסרוף, און עמיצענס פעסטע האַנד האָט זיך איהם אַרויפגעלייגט אויף דער פּלייצע.

— געמאַכט מיך! — האָט דער שאָפער פערצווייפעלט אַ זאָג געטון.

— ווער האָט געמאַכט מיך?

דער גוטער יאָהר ווייסט איהם — ענטלאָפען, און פטור אַן'עסק!.. און אויטאָ איז ער נישטאָ!

דער שאָפער האָט זיך צוזודערט אַ קראַץ געטון אין קאָפּ, נישט קאָנענדיג פערשטעהן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.— פשיאָ קרעוו!.. און ער האָט נאָך מיר געהייסען יאָגען מיט אַלע כוחות! — האָט ער אויסגערופען, אַ פּאַטש טוענדיג הילפלאָז מיט די הענד.

דער אָנפיהרער פונ'ם פּאַטרול איז אַריינגעקראָכען אינעווייניג אין דער טאַקסובקע, און אַרויסגענומען פון דאָרט דעם רעגענמאַנטעל.

— העי, איהר... וואָס איז עס פאַר אַ קונצען? — איז דער שאָפער אין כעס געוואָרען.

— זייט שטילער, איהר, יונגערמאַן... אַנישט וועלען מיר אייך אויך צוציהען צו דער פערענטוואָרטליכקייט! — האָט געענטפערט אַ מעכטיגע בייזע שטים.

— זייט מוחל!.. איך האָב נישט דערקענט... נישט געוואוסט, אַז פּאָליציי.

דער שאָפער איז ענטשוויגען געוואָרען.

דאַבקעוויטש, וועלכער איז בעת מעשה געווען ביי די ליפּאָווסקי'ס און געוואַרט דאָרט אויף נעלי, האָט דורכ'ן פראָנט-פענסטער דערזעהן דעם פּאַטרול-אויטאָ, און איז שנעל אַראָפּ אין גאַס.

דער אָנפיהרער פונ'ם פּאַטרול האָט איהם געמאָלדען וועגען דער מפלה, וואָס ער האָט געהאַט מיט וואַלדמאַנען.

דאַבקעוויטש האָט ביים צוזאַמענגעדריקט די ליפּען און אויסגעהערט די מעשה.

אַרויסגעלאָזט דעם העכט, אַ שלאַק זאָל עס טרעפען! — האָט ער אַרויסגעברומט — פון אונטער דער נאָז, ע נטלאָפען...

גלייך דערנאָך האָט ער בעפוילען:

— פאָהרט צוריק אויף לעשנאָ, און זייט דאָסמאָל קליגער און אויפמערקזאַמער!.. איהר מוזט איהם פאַקען!.. דאָרט שטעקט ער ערגיץ אין אַ בעהעלטעניש!.. קלינגט אויך אָן אין הויפּט-ביוראָ, און מעלדעט, וואָס מיט אייך איז געשעהן!.. איך וואָלט נישט געוואָלט זיין אין אייער הויט, ווען דער לייטער וועט אייך אַרויסרופען צו זיך!.. אַזאַ זאַך אָפּצוטון — אַ דונער זאָל אייך טרעפען:.. יאָ, גיט אויך איבער דעם לייטער, אַז איך האָב נישט געטראָפען די פריילין ליפּאָווסקאַ... זי איז אין דערפריה אַוועק אין שטאָט וועגען איינאָרדענען די לויה... זאָגט איהם, אַז איך בין דאָ געבליבען וואַרטען אויף איהר צוריקקומען.

קאַפּיטעל דרייצען

די בעגעגעניש

דאַניעל וואַלדמאַן האָט מיט די בליקען נאָכגעפאָלגט דעם פּאָליציי-אויטאָ, וואָס האָט זיך אַ יאָג געטון נאָך דער טאַקסובקע.

דער אינהאַבער פונ'ם פּרוכט-ביידעל האָט שווייגענדיג געציילט דאָס רעשט-געלד.

אויף וויפיל ער האָט בעוויזען צו בעמערקען, איז וואַלדמאַן געוועזן איינער פון די הערען, וואָס זענען אַרויס פון דער טאַקסובקע.

סיי די ערשטע דריי סיי דעם פערטען האָט ער נישט בעשאַנקען מיט ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט.

וואַלדמאַן איז זיך אַוועק ווייטער מיט דער גאַס, און איז אַריין אין דעם ערשטען רעסטאָראַן.

צווישען די טישען איז געווען אַ סך פּלעצער, אָבער קיין פרייער טיש — קיין איינגער נישט.

ער האָט געדאַרפט לאַנג זוכען, ביז ער האָט געפונען אַ קליין טישעל אין אַ ווינקעל, האָט ער זיך דאָרט אַנידערגעזעצט און אַראָפּגענומען דעם הוט.

ער האָט ביים קעלנער בעשטעלט עסען, זיך פערשטעלט מיט אַ פריהמאָרגען-צייטונג און זיך גענומען פלייסיג לייענען.

ער האָט שוין געהאַט צוויי געלייענט שיינע עטליכע מינוט.

פּלוצים אָבער האָט ער דערהערט איבער זיך די שטים פונ'ם קעלנער:

— קומט אַהער, פריילין... דאָ איז דאָ אַ פרייער אָרט...

וואַלדמאַן האָט דערפיהלט, אַז עמיצער האָט זיך צוגעזעצט צו זיין טישעל.

ער האָט כלאחר יד אַראָפּגעלאָזט די צייטונג און אַ קוק געטון אויף זיין שכנ'טע.

די נעבליטען זענען איהם קאַלט געוואָרען אין די אָדערען, און דאָס האַרץ האָט זיך אָפּ געשטעלט.

אויף איהם האָבען געקוקט מיט פאָרוואורף נעלליס טרויעריגע אויגען, וואָס זענען געווען פערלאָפען מיט טרעהרען.

אַ רגע האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז די ערד שאָקעלט זיך אונטער איהם:

נעללי האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ בליק, וואָס איז נישט מוחל...

ער האָט, נעמליך, דערפיהלט, אַז אין משך פון די פּאָר טעג איז צווישען זיי אויסגעגראָבען געוואָרען אַ טיפער אָפּגרונד: די טאָכטער קאָן נישט מוחל זיין דעם פאָטערס טויט.

איהר בליק איז געווען קאַלט און שטרענג.

— ס'וועט אפשר... אפשר בעסער זיין, כ'זאָל אַוועק! — האָט ער אַרויסגעמורמעלט, אומגעשיקט צונויפלעגענדיג די צייטונג.

— בלייבט דאָ, ביטע. — האָט זיך נעללי אָפּגערופען — דאַכט זיך, אַז איהר בעדאַרפט מיר אַ סך צו זאָגען.

וואַלדמאַן האָט אינערליך אַ ציטער געטון, פון דעם אָפענעם האַס, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין דעם טאָן פון איהרע פּראָסטע, קאַלטע ווערטער.

— איך וועל מיט פרייד אייך זאָגען אַלץ וואָס איהר וועט וועלען וויסען. — האָט ער זיך שטיל אָפּגערופען.

— מיט פרייד? — האָט נעללי קאַלט אַ שמייכעל געטון.

— און מיט דערלייכטערונג! — האָט וואַלדמאַן צוגעגעבען.

נעללי האָט איהם אָפּגעמאָסטען מיט אַ רוהיגען פיינדליכען בליק. זי האָט זיך מיט גרויס אָנשטרענגונג בעמיהט צו בעהערשען.

(פאָרטזעצונג קומט).

ביליג קונסט-פאטאגראפיעס!
נור א קורצע צייט !!!

צוליב'ן איצטיגען קריזיס, גיב איך די מעגליכקייט דער געעהרטער קונדשאפט, צוליב די פערקלענערטע פרייזען פון די אויפנאהמען, ווי:

6 פאסטקארטעז — נור 6 זל.

ברוין, דאפעלט רעטושירט (1 פערזאן)

6 „ זיידעבע (1 פערזאן) — נור 7 זל.

12 שטיק (Express pictures) — נור 2 זל.

אויסצרדעם ווערען אויסגעפיהרט אויפנאהמען לויט די נייעסטע פאטא-טעכניק מיט ספעציעלע ליכט-עפעקטען. פאר גרופען-אויפנאהמען, ווי אויך פאר פעראיינען – בעדייטענדע הנחות.

מיר עמפפעהלען זיך דער געעהרטער קונדשאפט

קונסט-פאטאגראפישע אנשטאלט
„PARISIEN"
30 פראנציסקאנער 30

קאנקורענץ!
אין ערשטקלאס. דאמען- און הערן-פריזיער-אנשטאלט
מ. קופקא, פאלודניאווא 12
וועגען די פרייזען, צוליב'ן קריזיס, געווארען פערקלענערט:

דאמען-סאלאן:		הערן-סאלאן:	
שערען דאמען	80 גר.	ראזירען מיט קעלניש-וואסער	40 גר.
שערען שילער	60 גר.	ראזירען און שערען	1 זל.
וואסער-אנדולאציע	1.50 זל.	שערען	70 גר.
אייזען-אנדולאציע	1.— זל.	שערען א יונגעל	50 גר.
קאפ-וואשען מיט טרוקענען	1.— זל.	קאפ-וואשען	50 גר.
מאניקיר	70 גר.	מאסאזש	50 גר.

טארבען [illegible] ברעמען און ווימפערן אין אלע פארבען צו צוגענגליכע פרייזען.
ערשטקלאסיגע בעדינונג! ערשטקלאסיגע בעדינונג

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט
זגיערסקא 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראקאווסקי נאז האלז, אויערן קר.	10—11 2—3 7—6
ד"ר רושאנער הויט און געשלעכט קראנקה.	1—2
ד"ר גאלדשטיין- אויגען-קראנקהייטען פאלאק	1—2 8—7
ד"ר יוסטמאן נערוועז קראנקהייטען	12—2 חוץ זונ.
ד"ר ראזענצווייג קינדער-קראנקהייטען	10-12 4-5
ד"ר פאפיערני פרויען און געבורטס-הילף	11½-1 5-6
ד"ר קאנטאר כירורגישע-קראנק.	4½-5½ זונ. 1—2
ד"ר ווינבערג אינ. הערץ לונגען	12—1, 6½—7½
ד"ר סטופעל רענטגען	12—2, 4—6
א. גראטשנשיק צאהן-ארצט	3—7
נ. ראזעס צאהן-ארצט	3—2

צאהן-מיגער חמלוגג, בעלייכטונגען, קארטנען, טאסטען א.א.ח.
בא דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט
חמלוגג פון הויט קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט רענטגענשטראלען, פאר בעשטראלונג און דורכלייכטונגען, קווארץ-לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע, אלע מעגליכע אנאליזען. א קורס פאר שטאמלער.
איספונגונגען שטראף שקארלאטין) פון 4—5 נאכם
די לעטשניציע איז אויך אפפי זונטאג
וויזיט אין דער שטאט.
ערצט.-קאסמעטיש. גאבינעט
פרל. מארקוס נעהמט אן פון 5–7 אווענד

גיכע עלעקטרישע פאגאטאוויע
SZYBKA POMOC ELEKTRYCZNA
tel. 118-36
סטאדאלביאנא 4
טעטיג א גאנצען מעת-לעת.
בעסטע בעדינונג קאנקורענץ-פרייזען

Dr. med. J. Lubicz
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 183-17

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער.
איינענע פראצאוניע פון זעמדליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: אקלערקעס אויף פלאטטפוס, קנעפע ליבע פים, נארמעמען א. ז. ח. צאפשטונגען פון 5—7 אב

1 שטרימפ-ארבייטער
צו 2 אמעריקאנער שטאר-פעטען-מאשינען קען זיך מעלדען וושכאדניא 31 אפיצינע, לינקס, 3. שט.

אלאקאל
פאר א פעראיין, ווערט געזוכט. ס'קען זיין א פאבריקס-זאל, וואו מ'דארף דורכפיהרען א רעמאנט. אפערטען פאר „פ." אפ-צוגעבען אין אדמיניסטר.

א ארט צו שלאפן
קען בעקומען א יונגערמאן אליין א בעט מיט בעט-געוואנד אין א בעזונדער צימער. צוגענגליכער פרייז ביי מענדעלזאן. בושעווינער 44. 6880

צו פערקויפען
א אשור-מאשין
פירמע זינגער, פאסט ניי.
צו ערפאהרען
זשעלאבא 47
אין פאפיר-געשעפט.

א פערל-אוירינגעל
דענגליכער פאסאן מיט שמאראגדען, איז געכמן פערלוירען געווארען. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אבצוגעבען געגען בעלוינונג בא גאלדפינגער, זאכאדניא 20. 5379

ס'גויטיגט זיך זאפארט
א יונגערמאן
פון אנשטענדיגער פאמיליע, אין עלטער פון 17—18 יאהר מיט גוטע רעקאמענדאציעס אין א אמונג-געשעפט. שריפט-ליכע אפערטען אין דער פוילישער שפראך אפצוגעבען אין ערט. אונטער „אמונג".

וויכטיג פאר שטעפער-נעזעלן!
א קוואליפיצירטער
קאטאשו-מאכער
ווערט געבראוכט פון זאפארט, ווי אויך ווערען געבראוכט קאמאשען-שטעפער צו געהמען ארבייט אויף אויסערשטם. צו ערפאהרען ביי סענדער-ראוויטש, פלאטאפארם 15.

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kosciuszki 27
tel. 51-78
הויט און ווענערישע קראנקה רענטגען און ליכטטהעראפיע. נעמט אן פון 4—7 אין אווענד

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאלאג-אקושער
זגערזשער 11.
טעל. 134-72
נעמט אן פון 6–8 אווענד

Zaginęła legitymacja
na imię Rywki Broniatowskiej, zamieszkałej w Łodzi przy ul. Dolnej Nr. 14. Znalazca zechce zwrócić takową pod powyższym adresem. 5385

די מעכאנישע
שלאסעריי און שוויסעריי
פיהרט אויס זעמטליכע מאשין-רעפאראטורען, שוויסונגען, צופאסונג פון מאשינען-טיילען מיט גאראנטיע און :—: געגען ביליגען פרייז :—:
J. REDER, Łódź
11 קאנסטאנטינער 11 (רוג זאכאדניא)
פריוואט-וואוינונג: גדאנסקא 20.

די בייסטע מאדערנע
שייטלען
ווי אויך פערשידענע פאלעטשקעס, אזוי ווי אייגענע האר, גוטע אויסארבייטונג צו זעהר ביליגע פרייזען, קאנט איהר נאר בעקומען ביי
פארזשוצקי, קאמיענא 5,
קווער אפיצינע, 2-טער שטאק.

Dr. med. H. KRAUSKOPF
אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
צעגעלניאנא 45, טעל. 113-47
נעמט אן פון 4 ביז 7 אין אווענד.

יוד. פרויען-פערבאנד וו.י.ז.א. פושעיאוז 2
היינט, מיטוואך, פינקטליך 9 א זייגער אווענד, אויפ'ן ווצכענטליכען טעה-אווענד, וועט
ד"ר זילבער (בערלין)
האלטען א רעפעראט
„פון דערפסיכאלאגיע פון די מערב-אייראפעאישע יודען".
איינטריט פאר מיטגלידערינס 30 גר., פאר אריינגעפיהרטע געסט – 50 גר. 6989

הלא חכמה תקרא, ותבונה תתן קולה
בצדק כל אמרי פי, אין בהם נפתל ועקש,
אשרי אדם שמע לי, לשקד על דלתותי יום יום
איבער דעם זאלסטו גאר קומען אין מיין רעכטסקאנסולענטען-ביורא צו ה'
מאנעלא, פיעטריקאווער 17
(זאכאדניא 52) טעל. 148-79
וואו עס ווערט פינקטליך ערלעדיגט, געווי-סענהאפט געשריבען אלערליי ביטעס: ציווילע, קארנע, האנדלאווע, אפעלאציעס, ארוואלאניעס, סלאווזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעדט אין פוילען, וועגען דירות אין אורושאנד ראזיעטסקי, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. מיט אכטונג
ד. מאנעלא, רעכטסקאנסולענט
פעטריקאווער 17.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקה.
און מענער-שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער.
קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערוועז-קראנקהייטען.
קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.
— — טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד. — —
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכם.
נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
– בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען. –
וויזיט 3 זל.

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47, tel. 26-02
אינערליכע קראנקהייטען.
ספעציעל פאר לונגען- און הארץ-קראנקהייטען
בעשטראהלונגען און קינסטליכע בערג זון.
נעמט אן אין דערפאם פון 3—5 נאכם.

Dr. med.
B. Robinzon
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
פעטריקאווער 10, טעל. 131-86
נעמט אן פון 8–9½ פריה און פון 3–4½ נאכם.

Dr. Z. Rakowski
ספעצ. פאר אויערען-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקה.
קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.
פריוואטשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע, זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—5

DR. MED.
L. Pikielny
אוראלאג
ספעציאל-ארצט פאר נירען, בלאז און הארן-קראנקהייטען
8 NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעהמט אן פון 4–7 אווענד.

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאנא 43, טעל. 41-32
ספעציאליסט פאר הויט-, ווענערישע און מענער-שוועכע-קראנקהייטען. היילונג מיט קווארץ-לאמפען (הארי-אויספאל).
נעמט אן פון 8–10 און פון 5–8 אווענד.

טליתים-פאבריק
אויסארבייטונג פון וואלענע, האלב-וואלענע, זיידענע טליתים כמו טערקישע, קאלאמעיער, ווי אויך טליתים קטנים, הורט און דעטייל מיט אויספערטיגונג, אויך גארטלען, שפאניעס און ציצית
צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל, ביי
א. ח. ציטרינאווסקי, קאמיענא 1,
אין 2. טויער, פארטער. קומט איבערצייגט אייך!
בעמערקונג: ס'ווערען אויך אנגענומען אלטע טליתים צום וואשען.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און דענטיסטישער קאבינעט.
גושעווינער 11, טעלעפאן 3763
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד"ר אימיך נאז, האלז, אויערן קר	3½—4½
ד"ר ספרשנער קינדער-קראנקה.	9-11 5-4½
ד"ר שיפמאן אינערליכע קראנקהייטען	12—2
ד"ר לובימש הויט און געשלעכט-קר.	12½—1½
ד"ר שמירנעלד נערווען און גייסטיגע קר.	1—2
ד"ר גאלדבלאט אויגען-קראנקה.	12½—1½
ד"ר חיים כירורגישע קראנקהייטען	2—3
ד"ר שמערלאווסקי פרויען-און געבורטס-הילף	3½—4½

פסיכא-טעראפיע, שפראך-שטערונגען ווי שטאמלען א.א. ווי פאקען-שטעכ'ן, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראלונגען, איבעריזונגען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראציעס, אויך רלענג הינזיכטען און שטאט. און לאבאראטאריום הערען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, אויך פלעגמע און בלוט
איספונגען געגען שקארלאטין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט.

ד"ר כאושינסקי סטאראפאלסקא
צאהן-ארצט 10—1 3—6
ק'נסטליכע צייהן, קראנען, פאסטען א. ז. ח.

די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאג

א לאנגיעהריגער געוועזענער
גערי'כטס-סעקרעטער
שרייבט אלערליי ביטעס און קלאגעס, קלויזולעס און זאבעזפיעטשעניעס אין אלע שטעדט פון פוילען.
א גוטער ספעציאליסט אין מיליטער-ענינים
B. MANN, Piotrkowska 10.

צאהן-ארצט
St. Gelberg
וואוינט יעצט
Zawadzka 14, tel. 108-33
נעהמט אן פון 10–2 און פון 4–7.

Dr. H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 25, טעל. 126-87
ספעציעל ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע, אלע ארט אנאליזען, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען
נעמט אן פון 8–2 נ.ט. און פון 5–9 אוו.

DR. MED.
A. URYSON
אינערליכע קראנקהייטען צוריקגעקעהרט.
נעהמט אן פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.
Konstantynowska 20, telef. 35-65.

כעמיש-באקטעריאלאגישע לאבאראטאריע
מאגיסטער נ. שאץ
פעטריקאווער 37, 2. שט., פראנט.
אנאליזען פון קאל, אורין, לייכען א. א. א.
אורין-אנאליז – 4 זל.

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז – 5 זל. א חודש מיט אפטראגען א היים; אויף דער פראווינץ – 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד – 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען פון אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ 60— „ „ „ „ 4 „ „
נאכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ 18— „ „ „ „ 8 „ „
[illegible] דער טעקסט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.